STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06216

FUN DI SHTAMEN

B. J. Bialostotzky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ב. י. ביאַלאָסטאָצקי

פון די שטאַמען

הויפּט־פאַרקויף:
פאַרלאַג פון „בילדונגס־קאָמיטעט, אַרבעטער רינג"
ניו יאָרק, 1939

ביכער פון דעם זעלבן אויטאָר:

ביים ברייטן וועג. (לידער).
לידער און עסייען — אין צוויי בענד
א. לידער
ב. עסייען

געזעצט און געדרוקט אין
פאַרלאַג „אַטלאַנטיק״ — ניו יאָרק
33 גרענד סטריט
178

אַ ר י י נ פ י ר.

דער בעסטער נאָמען פאַר אַ זאַמלונג איז אייגנטלעך: לידער. שווער אונטער איין נאָמען אַרונטערצופירן פאַרשיי־דענע פערזן, וואָס זענען געשריבן געוואָרן אין אַ משך פון 4 — 5 יאָר. דאָך, אַז איך האָב אַליין דורכגעלייענט די לי־דער אין זייער צונויפגעזאַמלטקייט, האָב איך איינגעזען, אַז: „פון די שטאַמען״ וואָלט פונדעסטוועגן איבערגעגעבן אַ הויפּט־מאָטיוו, און אַ געפיל, וואָס חזרט זיך איבער אין פאַר־שיידענע וואַריאַציעס דורך אַלע סעריעס און אָפּטיילונגען.

פון די שטאַמען. שטאַמען אַלערלייאיקע און — אייגענער שטאַם. קומט נאָך צו: פעלקער און שטאַמען אין געמיש פון גרויס־שטאָט; אַלערליי פעלקער און איך — ייד — צווישן זיי.

און דערביי: האָפענונג אויף שטאַמיקייט און פאַר־וואָרצלטקייט פון מענטש, און האָפענונג אויף דער שורש־דיקייט פון מיין אייגענעם שטאַם. אין שווערע מינוטן פליט דורך אַ בליץ: וואָס־וואָס — שטאַם ווער בלייבן.

און זאָל דער סאָציאַלער מאָטיוו פון „הונגער״ און „המון״ עפענען דאָס בוך. טעג פון הונגער און המונישקייט, וואָס אויך וועגן דעם — בלינדער הונגער־אויפברויז פון המון — רעדט זיך אין מיינע לידער.

אין מיין ערשט בוך (1922) „ביים ברייטן וועג״ — דער מאָטיוו פון „בעטלער״; אין מיין צווייט לידער־בוך (1933) — דער מאָטיוו פון ניו יאָרקער געטאָס, ניו יאָרקער גאַסן;

אין מיין איצטיק בוך: דער מאָטיוו פון שטאַמען, הונגער, המון, — וואָס צוזאַמען, דאַכט זיך, האָבן זיי אַ אינערלעכע שייכות צווישן זיך.

און מיט דעם — „דאָס ליד פון ליבשאַפט": ליד צו „פּאָעטן, מיינע ברידער", „לעגענדע"; און די לידער פון דער סעריע: „אַ מעשהלע", וואָס זענען מיר באַזונדערס ליב צוליב זייער נאָנטקייט צו קינד, און צו מעשהדיקייט.

אַ טייל לידער, וואָס גייען אַריין אין בוך זענען פריער אין ערגעץ ניט געווען געדרוקט.

ב. י. ב.

אָפּטיילונגען:

הונגער

אַ ליד צו אַ כינעזערין אַף בראָדוויי

ליבשאַפט

היינטיקע טעג

פּאָעטן, מיינע ברידער

אַ מעשהלע

לעגענדע

הונגער

פרעלוד

. . . און פשטות גייט צו זיך, צו איך — איך וויל, איך וויל, — —
אַ ליד אין שרייאיקייט, אַ ליד אין שטיל.

גייט איינס נאָך איינס, — אַ פויק, צי וויינענדיקע האַרף,
די זעלבע זאַך: איז גיב מיר זון, איז גיב מיר נאַכט, איך דאַרף!

און ס'הוידעט זיך אַ ליד אין רוים — אַ חלשדיקע וויג,
עס שווייגט דער טאָג אין ליכטיקייט, נאָר ס'וויינט אין הויז אַ פליג.

עס רוט די נאַכט אין פינצטערניש, נאָר ס'וויינט אַ הונט, אַ קאַץ, — —
פאַרקלינג עס ניט מיט ווייערכדיקער טאַץ.

פאַרזינג עס ניט, פאַרשליינג עס ניט מיט שפּילעוודיקן כוס,
פאָעט, האָסט צוגעזאָגט, האָסט אויסגעטרוימט — איז וואָס?...

עס שפּראָצט, עס פּלאַצט, — ניט זינג פון דעם, וואָס וועט ערשט זיין,
נאָר זע וואָס ס'איז, און וואָס ס'איז דאָ — איז דיין.

אין טאָרבעלע אַ ברויט, אַ ביסל זאַלץ, אַ בריוו, — — —
טריף, מיין ליד, ווי אַ חלב־ליכטל טריף.

גיי מיט, הינק מיט, פאַרשטעל זיך ניט פאַר למד־וואָוו,
ניט רייד זיך איין, אַז ס'איז אַן אָנהייב גאָר דער סוף.

ס'איז פיין, ס'איז סוף, פאַרנעם, אַליין הויב אָן,
פאַרגיב און אין פאַרגעבונג ווידער מאָן.

ניט דו אַליין, ניט איך אַליין, — די זון טראָגט ליכט צום ווייטן לאַנד,
און דאָ אין פינצטערניש — דיין נאָענטקייט, דיין האַנט.

און דאָ אין וואַרטעניש, כאָטש וואָרט איז שטום,
דאָך רייסט דיין שאָטן זיך פאָראויס — איך קום!

דאָס הויז אַף טשערי סטריט

אַף טשערי סטריט איז דאָ אַ הויז,
אין הויז — עס וואוינט שוין דאָרט ניט קיינער.
די ווענט — סקעלעטנוויז צעשפרונגען,
און ברעטער סטאַרטשען, ווי די ביינער.
פון פענצטער קוקן בעלמע אויגן,
און אַפן דאַך אַ הוילער שאַרבן —
אַרום ליגט אַלטקייט אויסגעצויגן,
דאָס הויז פאַרמשפט איז צום שטאַרבן, —
נאָר דאָ האָט מען אַמאָל געזונגען
די ראָזענפעלדישע געזאַנגען.

ליגט טשערי סטריטביים עק פון שטאָט.
פאַרלאָזנקייט פון אַלטער געגנט.
אַמאָל אָבער האָט מענטש מיט מענטשן —
אין ערשטן בוי זיך דאָ באַגעגנט.
און צווישן מענטשן — מיינע ברידער,
מיט זעק, מיט האָפענונג באַלאָדן;
אין קאָך פון ראַסיקן האַרמידער —
באַטראָטן דאָ דעם „טויטן באָדן".
איך שטיי ביים שוועל, און ס'ווילט זיך בענטשן
דעם שפּור פון יענע פּיאָנערן.

ליגט טשערי סטריט אין גאָלדענעם לאַנד.
אָ, ניט קיין גאָלד איז דאָ געוואַקסן!
נאָר האַרבע נויט — דורך האַרבע יאָרן,
געררייפט האָט דאָ, ווי פעלד אין שלאַקסן.
אין איינזאַמקייט, מיט האַרץ צעריסן,
געזונגען האָט מען ביי מאַשינען:
— וואו צײנער קריצן, טרערן פליסן,
נאָר דאָרטן קענסטו מיך געפינען.
פּאָעט, לאַטוטוסדיקער צאָרן,
עס זידט נאָך אַלץ דיין טרער אויף אייזן.

איך קוק אַף טרעפּ, אַ גאַנצער דור,
פון ווילנע, ביאַליסטאָק און וואַרשע, —
געגאַנגען איז, און ווי אַף פליגל
אַוועק אין שרייענדיקע מאַרשן.
נאָר באַלד נאָכדעם צו זיך געקומען,
געבענקט נאָך קינד, געבענקט נאָך מאַמען,
און אין דעם נאָדלדיקן זשומען
געחלומט פון אַ וועלט אין פלאַמען!
עס וויגט זיך טיר אַף זשאַווער־ריגל,
ווי ס'וויגט זיך טרוים פון אַלטע יאָרן!

אָ, טשערי סטריט! אָ, לעצטע טיר!
איך זע דאָס הויז פון מיינע ברידער.
עס קומט פון טיפעניש אַנטקעגן
פּאָעט, אַנטרונענער מיט לידער!

דורך טעג פון פּיין, דורך פּיין פון יאָכן,
אין גלי פון פלאַמענדיקע אויגן,
האָט ליד, ווי לאַווע דורכגעבראָכן,
נאָר הויז האָט זיך צו דר'ערד געבויגן,
געבליבן הויל ביי שמאָלע וועגן —
וואו לעבן מיינס איז אויפגעגאַנגען!

אין נו־יאָרקער טונעלן

איך האָב געזען מענטשן אָרעמע, היימלאָזע, מיט קעפ אַף צעמענט
מיט איינגעצויגענע אויגן און צעוואָרפענע הענט, —
צעלאָזטע, פאַרבונדענע, —
אָפּגעשונדענע.
האָב איך צו זיי געזאָגט:

— שטייט אויף און פאַרברענט!
ס'איז אייער ערד,
און ניט קיין מאַמע איז זי, נאָר קאַלט און האַרט,
און ווי אייערע ביינער פאַרדאַרט,
שטייט אויף און צעשטערט!

האָט מען מיך אַ כאַפּ געטאָן אַף אויסגעריסענע אַקסל,
געמאַכט פאַר טריבון.
גערודער:
— ביסט אונדזער ברודער,
— ביסט אונדזער זון!

האָב איך אַן אָנגעצונדענער גערעדט:

— ווער אין שמאַטעס,
ווער אין לאַטעס,
פון אַלע גריבער,
שימלדיקע שטיבער,

פאַרזאַמלט זיך געדיכט,
די ראָד גייט מיט ליכט,
די מאַשין שלאָגט מיט דאַמף,
שטייט אויף צום לעצטן קאַמף!

— הוראַ, בראַוואָ, און — ביס!!

ווערטער זענען גוט, און לויב־געזאַנג איז זיס.
נאָר, אַז עס שטייען אַרום דיר מענטשן — אַ ריס אַף אַ ריס,
און עס גלאָצן געשטאַלטן מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט,
און עס קריכן פּיס אַף שטאָטישן צעמענט,
און עס רינט דער גאַווער פון די מיילער — ברויט!
און אויגן זענען קליין, און אויגן זענען רויט, —
הויבסטו אַליין אָן איינשרומפּן, פאַרגיין,
דערזעסטו פלוצלונג זיך אַליין
צווישן אָפּגעצוימטע ווענט.

נאַכט, לאָמפּ.
אַנטקעגן דיר דיין שאָטן, ווי אַ גלאָמפּ.
הויבסט אויף דיין אויג, גיט דער שאָטן זיך אַ בויג,
לאָזט אָפּ דעם קאָפּ, קוקט דער שאָטן אַראָפּ,
דו רעדסט — דער שאָטן מאַכט דיר נאָך. —
און טונקל וואַקסט אַרויס דער אַלטער יאָך,
און ניט טריבון ביסטו, נאָר איין־אַליין,
ווי אַלעמאָל, ווי אייביק, ווען נאַקעט־הויל,

ביסטו פון נאָרע־גרוב אַרויס מיט הונגער אינם מויל,
און זיך געלאָזט דורך וואַלד און שטיין,
אַף שפּור פון בלוט, מיט קריץ פון ציין, —
און נאָך דעם אַלעמען — געוויין,
און נאָך געוויין — געשריי,
און ווידער זיך געשטעלט אין ריי,
און ווידער מענטש צו מענטש באַנאַנד,
און זייט צו זייט, און האַנט צו האַנט,
און ווידער טאָג, און ווידער זון,
און דו ביסט ווידער שוין טריבון:

— שטייט אויף! פאַרזאַמלט זיך געדיכט!
עס גייט די ראָד מיט ליכט,
עס שלאָגט מאַשין מיט דאַמף,
עס נענטערט זיך דער לעצטער קאַמף!

הונגער

אין הונגעריקן מויל, ווי אין אַ מולטער,
גייט אויף געזייערטער געזאַנג פון ברויט.
דער הונגעריקער דאַרף געוויס זיין הונגער שטילן, —
נאָר ס'איז די נויט, וואָס שלעפּט צו דר'ערד זיין שולטער
צעלעכערט און מען קען זי ניט אָנפילן.
גייט היימלאָזער און טראָגט אַ קאָפּ — בית־עולם־גראָז,
דער בעטלער טראָגט פאַראויס זיין מאָנענדיקע נאָז,
און אַז עס קומט אַ פאָן פון ווייס, אַ פאָן פון רויט, —
ווערט אַלץ פאַר אים פאַרוואַנדלט אין אַ פאָן פון ברויט!

אַף אַלע פיר קריכט אום דער הונגער, — פיר ווינקלען פון דער וועלט,
אין אָפּפאַל, אין געפאַלנקייט, פאַרשימלטקייט און קויט —
אַפילו זשאַבעס, דוכט זיך, קוואַקען: ברויט!
עס ווייען טעג, עס קאָרטשעט זיך דער גאַנצער שטאַם,
פון גומענס אַנגעשאַרפטע טריפט אַ הייסער סם,
עס פאַלן געטער, נאָר ס'הויבט זיך אויף אַ נייער געץ,
עס טראָגט אַ לעבל ברויט אַ צינגלדיקער לץ,
און ס'פּאַלק, אין אויסגעשריי, צעשויבערט וואַרט עס זאָל געשען דער נס
און אויפשטיין זאָל פון דר'ערד דער מת!

געבענטשט זיי, אַקער־פעלד! געבענטשט זיי, ברויט!
עס מאָנט די ערד — ס'איז דאָ אַ הונגער אויך וואָס בויט!

דורך זומפּ, דורך זאַמד, פון ווייטן כנען,
דערגאַנגען איז אַהער דער שווערער קאַראַוואַן.
און מיר, וואָס יאָגן שוין אין גיבורדיקער באַן,
און פליען צו די וואָלקנס אין אַן עראָפּלאַן, —
וואָס וועט דאָ זיין מיט אונדזער פאָן פון ווייס און פאָן פון רויט,
אַז איבער אַלע פאָנען ווייט נאָך אַלץ די פאָן פון ברויט!!

לבנה לייכט, ניט לבנה, נאָר לעבל ברויט אין בלויער הויך,
די ערד אין אייביקן געדריי — דער הונגער דרייט זיך אויך!
דער הונגער שפּילט אַף פלייט — ניט פלייט, נאָר ס'פייפט אַ גריל,
אַ „מלאך פליט" — דאָס זענען פליגלען פון אַ מיל.
געליבטער גייט, און אין זיין בלוט — דער ערשטער רייץ,
נאָר צווישן ציינער — טעם פון קאָרן, טעם פון ווייץ!

אָ, אָרעמאַן, פאַר וועמען זאָל איצט אויפגיין מיין געזאַנג?
אויב ניט פאַר דיר — דורך פיין צו ביסן־ברויט דיין גאַנג!
נאָר, ס'טרעפט, ווען כ'קוק זיך איין אין שוואַרץ פון ברויט,
און כ'זע — פון טיפענישן גייט אַ הונגער אויף וואָס טויט,
און מיטן הונגער, ווי אַמאָל, אַ טאַנץ אַרום אַ קאַלב,
מיט שאַרבן אויסגעצערטן, און מיט הייליקייט און זאַלב, —
דאַן פאַלט דאָס וואָרט, ווי לערער גאַרב צו דר'ערד,
ווי פאָן פאַרשניטן פון אַ שווערד.

שטאַמען

טאָג האָט געצייטיקט אין רייפקייט,
רייפן איז שיין, נאָר סיגנאַלן
וואָרענען: ס'טוט זיך שוין שלייפן
שניט פונם האַרבסטיקן פאַלן.

ליד פון פאַרנאַכט — אונטערטעניק,
בלעטער אין גלי פון די פאַרבן, —
גוט איז צו זיין ווידערשפעניק
איידער עס נענט זיך דאָס שטאַרבן.

הערט זיך אַ שאָרכן — עס רייסט זיך,
אויפרייס פון האַרבסטיקן סמען, —
פאַלן איז טראַגיש, נאָר ס'ווייזט זיך
אמתדיקייט פון די שטאַמען.

פאַלט אָפּ דער צודעק און ס'שטייגן
בוים ביי אַ בוים אין דערקאָנונג, —
הענגט אַף די הענטיקע צווייגן
נאַקעטע, מענטשלעכע מאָנונג.

טראָגן זיך ווייטע געשרייען, —
שטאָט אַף די רוישיקע אַקסן, —
גייט אויף אין הויל פון אַלייען
פולקייט פון וואַרטן און וואַקסן.

איך און מיין קינד און דער האַרבסט

קילער האַרבסט. ווינטן שאָרכן. שטאָטישער אַספאַלט.
שטאָטישע ביימער צערוישן זיך מיט דעם אומעט פון אַ ווייטן וואַלד.
מיין מיידעלע דרייט זיך שטיפעריש און טרעט
אַף בלעטער — ערשטע אין אַ קעניגרייך, וואָס פאַלט.
— אָ, טאַטע, עס וועט די ביימער זיין דאָך קאַלט!
— עס וועט, עס וועט!
אַ שאָרשקען יאָגט פון הינטן נאָך, מיר דוכט זיך פיסלעך פון אַ קאַץ,
דער טרויער שפרינגט רונדאום — שפיצפינגער פון פּאַיאַץ.
מיין קינד מיט לאַשטשענדיקן טרויער מאָנט, —
דער טרויער פאַר מיין קינד איז ניי און נאָנט.

דער טרויער פאַר מיין קינד איז ניי און נאָנט,
און שפילט זיך אין אַלעען אום, אין „יאָג־און־זוך״.
נאָר איך, דורך טאַטעשאַפט, ווי בוים אין ווינט,
איך האָב דעם רויש דערקענט און איינגעזאַפט גערוך.
אָ, וויפיל מאָל האָב איך שוין איינגעשטילט, פאַרגלעט:
— עס מוז זיין קאַלט, צי פרי, צי שפעט.
עס מוז זיין פראַסטיקייט אַף יעדן שטאַם,
ניטאָ קיין נייער טרויער, דער טרויער קומט ניט סתם,
נאָר קומט און בינדט צוזאַמען נעכטן־אייערנעכטן.
האַרבסטיקע ליגן שוין שטרעקעס אַף מיילן און מיילן.

האַרבסטיקע ליגן שוין שטרעקעס אַף מיילן און מיילן.
„ניט־ריר־מיך" פליט אין שטילער ווייסקייט אָן אַ בלאָז,
די קו מיט מו קומט נענטער שוין צום פלויט, נאָך לעצטן גראָז, —
עס טראָגט זיך ריח פון איבערצייטיקייט, פון סוף,
די לאַנג־געגאַרטע רייפקייט ווערט גאָר יאָך,
און בויגט זיך צו דער ערד, צום געלן מאָך,
און קליינע הייזלעך — זיי קלענערן נאָך...
מיין מיידעלע, מיט בלאַט אין האַנט, צעטריטלט זיך און לאַכט:
— אָ, טאַטע, זאָג, וואָס האָסטו זיך פאַרטראַכט?
אָ, זע, ווי ס'בליען אַף די צווייגן וואונדערלעכע פאַרבן!

אָ, זע, ווי ס'בליען אַף די צווייגן וואונדערלעכע פאַרבן!
אַ ווינט האָט אויפגעווייט — די פאַרבן זיך צעמישן.
ברענט רויט, און ווידער רויט, און גרין, און קופּער אין צעווישן.
מיין מיידעלע — זי מאַנט ניט מער, זי רעדט פון זון און בלוי,
און אירע אויגן אילוזאָריש גליען.
איך זע, דער טרויער — ער איז לייכט, ווי בלאַט אין פלי,
דער נעכטן איז אין שפּיל פאַרבאָרגן, —
אין מיטן שטאַרבן —
צעהענגט דער האַרבסט אַנטקעגן זון די האָפענונג פון פאַרבן.
און מאָלט אין פאַל דעם טרוים פון קומענדיקן מאָרגן.

אין וועג

אַ שמאָלער פּאַס און רעלסן צוויי,
און פונקען רויך אַף בליאַסק פון שטאָל, —
מיין בליק קוקט קרום, מיין בליק קוקט גלייך,
אַ וואַלד, אַ פעלד, אַ בריק, אַ טייך,
די ערד אין רונדיקן געדריי, —
נאָר ס'גייט דער וועג אַף רעלסן צוויי.

די וויטקייט נענט, פאַרשווינדט; די ראָד,
זי רעדט, און דעקט אויף סוד נאָך סוד.
אַ מייל געווען, אַ מייל — ניטאָ,
אין מעריב זינקט די אַלטע שעה,
און ערד אין גאַנג זי קומט צוריק,
מיט דאָרף און טייך, מיט מענטש און בריק.

אַ רעלס אַף רעכטס, אַ רעלס אַף לינקס,
איך זינג אַ ליד צום נייעם שטרעק!
כאָטש גלייך אַנטקעגן קומט און זשומט,
אַן אַנדער באַן אין רויך געדריי,
אַן אַנדער באַן אַף רעלסן צוויי,
צום אָנהויב גאָר, צום ערשטן וועג...

אַ שטוב

שטייט אַ שטוב אין מיטן פעלד,
איין־אַליין.
ווענט צעטריקנטע, ווי ביין,
און דער דאַך אַן אַלטע הוט,
נידעריק אַראָפּגערוקט.
נאָר דער קוימען רייסט זיך, קוקט —
צו די נאָענטע ווייטן.

אָ, ניט אַזוי דער קוימען, ווי דער וויסטער אומעט,
וואָס קריכט, ווי פּלאַנץ, פון אַלע זייטן.

ווער־זשע וואוינט אין מיטן פעלד —
איין־אַליין?
ליגט פאַרוואַלגערט ברוך און בראַק,
סטאַרטשט די אַלטקייט אירע ציין —
ליגט אַן אַקער, ליגט אַ האַק,
ניט קיין הונט און ניט קיין קאַץ,
וואו איז מאַן, צי פרוי, פאַרלאָזן?

אָ, ניט אַזוי די מענטשן, ווי דאָס שנירל רויך
וואָס ציט זיך דין, און ווערט פון ווינט צעבלאָזן.

דרייט זיך פֿלוצלונג אויס די שטוב,
איין־אַליין.
קרימט זיך וועג, די באַן — זי פֿליט,
יאָגט אַ דאָרף, און ס׳קומט אַ פֿליין,
יאָגט מיך נאָך אַ שויב, וואָס גליט,
מיט אַ גלימצערדיקן שיין, —
ליכט פֿון אויסגעגלאָצטע אויגן.

אָ, ניט אַזוי די אויגן, ווי דאָס יונגע בוימל ביי דער שטוב,
וואָס האָט זיך צו די אַלטע ווענט געבויגן.

אָוונט

ס'איז אָוונט שוין. דער טאָג אין גאַנג
האָט מיך געשלעפּט, געלאָזן מיד.
וואו ביסטו היינט געווען גענאַנג?
וואו ביסטו היינט געווען מיין ליד?

די ווייט ווערט שאַרף, דער אומעט גליט,
דער מענטש בלייבט מענטש אין דאָרף, אין שטאָט.
צו נאַכט וואָס קומט, צו נאַכט וואָס ציט,
האָב איך ניט צוגעגרייט מיין טראָט.

דער הימל רונד, מיין ערד אַ פלאַך,
ס'איז טאָג געווען אי דאָ, אי דאָרט,
צי בין איך ניט געווען היינט וואַך?
ניט אָפּגעשפּאָרט קיין איינציק וואָרט.

ס'האָט הויך און ברייט די זון געשיינט,
און מענטש אין גאַס האָט זיך געפּלאָגט.
נאָר וואו איז מיין געזאַנג פון היינט?
פאַרוואָס האָט ליד ניט אויפגעטאָגט?

געגריסט זיי נאַכט, איך נעם ביי דיר,
די לעצטע רו, וואָס איך פאַרמאָג.

נאָר ווי ס'וועט אויפמאַכן די טיר
אין מזרח־זייט אַ נייער טאָג,

וועל איך אַרויס און זיין געהיט,
און זען און הערן שאַרף און ניי, —
עס זאָל דער טאָג פאַר מיר אָן ליד,
און אָן געזאַנג שוין ניט פאַרביי.

דער באַרג

מײַן חנהן.

מיר זענען צום באַרג־שפּיץ געשטיגן,
דורך סאָסנעס פון אייביקן גרינען,
דו האָסט מיר געוויזן: אָן, ליגן
די פּליינען אין נייעם באַגינען.

די ראַנדיקע, רונדיקע ווייטן,
און לייכטער, און ליכטיקער שאָטן,
ווי לאַנד פון אַמאָליקע צייטן,
וואָס גיין איז אַהינצו פאַרבאָטן.

אַ חלום פון אייביקן ברענען,
אַ האָפנונג פון ליכטיקע פאַרבן,
און דו ביסט אַרויף צו געגענען,
און דו ביסט געקומען צו אַרבן...

נאָר איך האָב געקוקט, און געשוויגן, —
אין מײַנע צעאַקערטע וואָרן,
דאָרט ליגן די טאָלן, און וויגן
פאַרדאַרטן, צעטריקנטן קאָרן.

דאָרט סטאַרטשן די פעלזן, ווי גלידער,
און גראָער, און נאַקעטער אמת;
נעם, שלעפּ זיך, דו פויערל מידער,
געפינסטו אַ קערנדל, נעם עס.

מיין קינד, אינם שפּיל פון די פאַרבן,
פון ווייט־אילוזאָרישע הייכן —
ווער ווייס, אפשר וועל איך ביים שטאַרבן,
אויך ווען ס׳איז אַהינצו דערגרייכן...

וואַנדערער

דער טאָל האָט אויפגעלויכטן אין אַ צויבערהאַפטן גרין,
פאַרנאַכט. אַ מאַטע גאָלדיקייט אַף ווענט פון אַלטער שטאָל,
די זון, אַ רויט געזיכט, דורך גרוילעכן וואָל,
געבליקט האָט פון דעם פעלזן־באַרג, און קיל און דין,
געפינקלט האָט געצוימטער שטראָל. אויף שטיין אַליין,
בין איך געזעסן און געקוקט. און מיטאַמאָל,
האָט עפּעס וואונדערלעכעס אויפגעשיינט אין טאָל:
אַ מחנה ביימער האָבן זיך צעשטעלט אין גיין,
אין רונדיקייט, אין דורכזיכטיקער ריי,
איך גאַף: די ניט־געזעענע, ווער זענען זיי?
אַ עדה וואַנדערער פון באַרג, צי אפשר גאָר פון ווייט,
וואָס ציען פאַרכטיקע און רוען אין באַשטימטער צייט.
איך בין דאָך דאָ געווען — געזען אי פרייד, אי פּלאָג,
נאָר ניט געזען די מחנה דורך דעם גאַנצן טאָג.

איך קוק: אַ הייליקע פאַרטאַיעטקייט, וואָס רעדט אָן קול;
די זון, פאַרגייענדיק, כאַפּט לעצטן בליק פון הויכן באַרג;
נאָר מענטש, וואָס טרעט אויף שמאָלן וועג מיט זאַק אויף קאַרק,
ער בויגט זיין קאָפּ און זעט ניט וואונדער פונם טאָל.
אזוי אויך הונט ביי שטאָל, וואָס וואַיעט איבער ביין,
און טויבן צוויי, וואָס זוכן שפּייז — אַ ער און זי.
זיי זענען ניט, פאַרטאָן, ווי מחנה פון ניט הי,
געקומען איז און צויבעריק געבליבן שטיין,
אין גרינעם שיין, אין פונקנגלי און שטום,

זיך אָפּגעגרעניצט פון דעם שטויביקן אַרום —
אָ, גיט אַ קוק, באַלד ווערט שוין נאַכט, אַ שאָטן קריכט,
פון הויכן באַרג, און וואַנדערער מיט צויבערהאַפטן ליכט.
זיי וועלן ציען צו אַן אַנדער טאָל, צו נייע טעג, —
כאָטש נעם אַ צווייג אין האַנט און לאָז זיך אויך אין וועג.

די באַלאַדע פון די דריי פרויען ביים איסט־ריווער

דריי פרויען ביי שטוביקע, אָרעמע טרעפּ,
מיט הענט אַף די בייכער, מיט טיכלעך אַף קעפּ.

דריי שכנות — צוזאַמענגעדריקטע אין פלאַג,
ניט ווייט פון איסט־ריווער, פון אָפענעם טאָג.

רעדט איינע פון קינד, און פון קלייד, און פון שוד, —
די צווייטע פון מאַן — און זי פליסטערט אַ פלוך.

די דריטע, זי רעדט, און זי שווייגט, און זי וויינט —
איר זון אין אַ שאַכט איז געוואָרן פאַרשטיינט.

דריי פרויען — אין עק פון אַנטבלויזטן ניו־יאָרק,
מיט נאַקעטע הערצער, מיט נאַקעטן זאָרג.

און יעדערע עפּנט אין טונקעלן ליכט,
מיט צוטרוי, מיט טרייסטונג — איר טרערן־געזיכט.

צוזאַמען — דאָך יעדערע טראָגט אין איר בליק,
אַן אָפּשיין פון אייגענעם, וויטן צוריק.

און ס׳קאַרבט זיך ביי יעדער אַזוי ווי אַ שראַם,
דער אַנבליק צעקנייטשטער פון אייגענעם שטאַם.

דריי פרויען — פאַרוואָרפן אין טרויער און נויט,
פאַרשוועסטערט אין אומגליק, געשוועסטערט אין טויט.

---

*) איסט־ריווער (מזרח־טייך), וואָס גייט פאַרביי די אָרעמע, נידעריקע קוואַרטאַלן פון דער נו־יאָרקער „איסט־סאַיד״.

אַרום ליגט דער עלנט, טאַנצט פויגל אין דרויב,
אַ שפּליטער פון שויב, און פאַרבלאָנדזשעטע טויב.

דערביי גייט דער טייך, אָפּן טייך שווימט אַ שיף,
אַ שוים, ווי געשריי, שלאָגט אַרויס פון דער טיף.

שווימט איינע מיט אויל, און צעעפנטן מויל,
אַ צווייטע מיט קויל, און מיט רויכיקן גרויל.

אַ דריטע — מיט קוימענס, מיט מענטשן אַ סך,
זי פירט מיט זיך מיט אַ ווייט־לענדישן שליאַך.

און אויבן אַ בריק — מאַיעסטעטיש געשפּאַנט,
און ס'דאַכט זיך: אויך זי פירט פון לאַנד צו אַ לאַנד.

און דאָ אין דער נידער, ביי אָרעמע ווענט,
אַ פרוי צו אַ פרוי האָט אין אומגליק גענענט.

אַ לעבן צו אַ לעבן, און וואונד צו אַ וואונד—
אַנטפּלעקט זיך אַ הייליק ניט־דאַאיקער בונד.

אַנטפּלעקט זיך אַ וועג איבער בריק, איבער שטראָם,
אַ שוים, ווי געשריי, רייסט אַרויס זיך פון תהום.

דריי פרויען, דריי שכנות — דריי שפּענדלעך פון ים,
וואָס יעדערע שטאַמט פון באַזונדערן שטאַם, —

שוויגט איינע, די צווייטע, — די דריטע, זי וויינט,
צעוויקלט זיך פיין, ווי אַ פאָן, וואָס פאַראייניגט!

וואָרט

וואָרט צו וואָרט איז נאָנט,
ווי האָר צו האָר אַף קאָפּ;
דערקאָנט און ניט דערקאָנט,
אין שפּילעוודיקן טראָפּ.

ווער וועגט אַ וואָרט אַף וואָג?
ווער שפּאַלט אַ האָר אַף צוויי?
ליגט הינטער וואָרט די וואָר —
אַ נאַקעטע, ווי זויי.

וואָס העלפט דער קלוגער פשט?
דער שפּרוכיקער באַשייד?
עס סטאַרטשעט אַרויס די טאַט,
ווי פעלז פון אַלע רייד.

דער ים איז טונקל, טיף,
און ס'דוכט: ניטאָ קיין וועג!
נאָר אַז עס לייכט אַ שיף,
בליצט אויף: צו וועלכן ברעג?

פון אלף, בית, ביז תו —
אין כוואַליעדיקן גאַנג,

נאָר אָנהויב וויל זיין סוף,
און קלאַנג וויל זיין געזאַנג.

גייט וואָרט און וויל אַן אָרט,
דער הונגער וויל זיין זאַט;
דער דאָ וויל ווערן דאָרט, —
דאָס וואָרט וויל ווערן טאַט.

אין אָרעמען פּאַרק

דריי שטאָטישע פייגל אין שטאָטישן פּאַרק,
אין אָרעמען, ענגן, געדריקטן קוואַרטאַל, —
די פליגעלעך ברוינע, אין שפּרונגען נאָך דרויב,
די העלזעלעך גרויע, פאַרפלעקטע פון שטויב,
און אויגעלעך בליציק און בלאַנק,
דריי פשוטע פייגל, ווי פשוט, באַנאַל,
עס זענען די היימלאָזע דאָ אַף דער באַנק.

דריי שטאָטישע פייגל אין שטאָטישן פּאַרק, —
די היימלאָזע קוקן פאַרגליווערט און טויט,
אַ נעגער אין שוואַרצקייט, אין גרויקייט — אַ פרוי,
אַ דריטער מיט רויטלעכן שראַם אַזוי רוי, —
געפונען אַ שטיקעלע ברויט!
טאַנצט פייגלשער הונגער אַריבער דעם צוים,
אַ שפּרונג און אַ זונג — און צום שפּיץ פונם בוים!

דריי שטאָטישע פייגל אין שטאָטישן פּאַרק,
אין אָרעמען, ענגן, געדריקטן קוואַרטאַל, —
אין שנאָבעלע הונגער, אין פליגעלע — פלי,
די היימלאָזע אָבער ווי גאָרניט פון הי,
פאַרגעסן דעם אייגענעם גאַנג!
דריי פשוטע פייגל מיט הילכיקן שאַל —
אָ, אייביקער הונגער, אָ, אייביק געזאַנג!

נעפל

באַגינען אין ניו־יאָרק, אַ פּרײַלעכער געבראַזג,
דער טאָג קומט אָן אַן אָנגעגאָסענער אין פולע קאַנען.
געררויש פון רעדער, גלעקער, יאָגנדיקע באַנען.
סטאַנציעס לויפן — „פּרימאַן”, „פּראָספּעקט”, „סימפּסאָן”, —
דער נעפּל הענגט אָף די געזימסן,
צעריסענער, צעשניטענער פון ווענט, —
אָ, נעפּל, איך האָב דיך דערקענט!!

צעזילבערט זיך פאַרגאַנגענער אַמאָל,
און כ׳זע: עס הענגט דער נעפּל איבער זיידנס דאַך,
פאַרכישופט ליגט דער גאַנצער שטעטלדיקער טאָל,
דער טאָג קומט אָן אַן אויסגעוואַשענער און וואַך,
די באָבע זאָגט דער נעפּל טריפט ווי אויסגעמאָלקן מילך, —
פון מזרח קומט די זון מיט אָנגעצונדענעם געהילך,
די ווייסקייט טוט זיך אָפּ, און מיט פרימאָרגנדיקן לויב,
באַגריסן זיך די ווענט, און לײַכטן שויב צו שויב...

. . . און איצט איז שטאָט, און איצט איז נעפּלדיקער דאָ,
די סטאַנציעס יאָגן, עס בײַטן זיך די ווענט, —
דער־מאָנונג טריפט אין האַרץ, — די זילבערדיקע שעה, —
אָ, נעפּל איך האָב דיך דערקענט!

„סלאָמס"

די שטאָטישע נויט איז נאַך נאַקעט,
ניט באַשוכט און ניט באַקליידט,
מיט לעגענדעס ניט פאַרשפרייט, —
הענגט עס אַף די פייערטרעפ
גופימווייז, אָן קעפּ, —
אָפּגעדעקט און אָפּגעקראָכן,
הויל און אָפן, ווי די קנאָכן,
אַף צעטריקנטע סקעלעטן, —
„סלאָמס" פון האַרלעם און מאַנהעטן.

און ביינאַכט, ווען איבער ברוקן
קריכן קעץ און קוקן, קוקן:
— זוך אַ מויז, מייד אויס סכנה! —
קומט פאַרחלומט די לבנה,
גנבעט זיך דורך שטריק און דראָטן,
שאַרט זיך איבער ווענט אין שאָטן, —
קומט און מאָנט די אַלטע טרוימען,
קומט און בענקט נאָך בלויע רוימען,
ווי אַמאָל אין זיידנס קוימען...

---

*) „סלאָמס" — אַלטע, ענגע, אָפּגעלאָזענע געסלעך פון גרויס־שטאָט.

פּראַלט באַגינען. אונטן־אונטן
קראַכן איינגעדעמפּטע גרונטן,
שפּרינגען אויף די מאַנעקענען,
אָנגעדרודלטער האַרמידער,
קאַטערינקעס — טויטע לידער,
ציפּטשען פּייגל אַף געזימסן, —
שפּרינגען, ווי אַף ווייסן פּימסן, —
ניט גענוג זיי די געזאַנגען
פון די דורות לאַנג־פאַרגאַנגען.

זשומט דער טאָג פון אַלע עקן,
ברענען ווענט מיט רויטע פלעקן,
סטאַרטשען וואונדן, גליען שראַמען,
מיט געערוך פון אַלטע שטאַמען, —
ציען זיך די ברעגן, צויטן,
שוואַרצע, ברוינע, געלע הויטן, —
און דער הימל — פּאַס־צעשניטן —
בעט זיך שטיקערווייז ביי לייטן:
— גיט מיר רחבות פון פאַרצייטן!

אַ רחמנות, ניט צום שפּאַסן,
אַף די הימלדיקע פּאַסן, —

ווי די נויט — די נויט צעפליקטע,
מיט ניגונים ניט־פאַרוויגטע,
קריכט אַ הוילע אין די גאַסן,
און לבנה, פויגל, הימל,
יאָגן נאַקעטן געווימל,
און זיי בעטן זיך, און בעטן, — — — —

„סלאַמס" פון האַרלעם און מאַנהעטן!

דאָס ליד פון די שטאַמען

דער אינדיאַנער זינגט:

— הונגער און טויט אָפן גאַנצן פליין,
טריקנט די זון צעוואָרפענע גלידער,
גראָב איך קברים פאַר אייגענע ברידער.
שיט איך ערד אין די אָפענע ציין...
אָבער ביינאַכט וועל איך ווידער פאַרשטעלט,
זינקען אין שלאָף, אין געליבטערס געצעלט,
זינקען אין אָרעמס, פאַרגעסן אָן פיין,
טרינקען די ליפּן, ווי שיכורן ווין...

דער כינעזער זינגט:

— דער באַרג איז נאַקעט און אין טאָל קריכן מייז,
אין מיין זעקל — דאָס לעצטע ביסל רייז.
די נאַכט טראָגט אָן גערוך פון וויין,
געליבטע ברענגט לבנה־שיין.

דער יאַפּאַנעזער זינגט:

— דער הירש לויפט געטראָפן פון אַ קויל,
גיב מיר געליבטע דיין זאַפטיקע מויל,
דער קעניג איז אין צאָרן, ער ציט דאָס געווער, —
איך גיי אַוועק און קום ניט מער.

דער ציגיינער זינגט:

— נישטאָ אין טאָפּ קיין פלייש, נישטאָ אין זאַק קיין ברויט,
די קינדער הונגערן, אַף זייערע ביינער הענגט די הויט.
עלענאַ, —
מיטן שטויביקן וועג לאָמיר גיין,
אפשר וועט פאַרבלאָנדזשען אין וועג אַ הון,
אפשר וועט אַרויסגיין פון וואָלקנס די זון.

פעלקער, שבטים — קלאַנג און גראַם,
לידער פון דעם ווייטסטן שטאַם.

הונגער, הונגער — אַלע גלייך!
יאַנגצי־טייך, צי „געלער טייך".

מאַניא־שו*) מיקאַדאָ־לאַנד,
נויט און שווערד און בויגן־האַנט.

היידאַ! הפקר, שבט־שטויב,
גלוסטונג, וואַנדער, ווינט און רויב.

וויִט אַ ווינט, און רוישט אַ ים,
אויסגעשריי פון ווייטסטן שטאַם.

נענטער, נענטער, לידער, ליד —
איטאַליענער, רוס און ייד.

---

*) עלטסטער לידער־בוך פון אַמאָליקן יאַפּאַן.

ליבסטע, ווייַן, און טרוקן ברויט, —
לעצטע שיצונג קעגן טויט.

מענטש און וועלט, און חיה־שעה,
נישט קיין שפּייז — איז ליבע דאָ.

ניט קיין ליבע — רויטער ווייַן,
ניט קיין ווייַן — לבנה־שייַן.

לעבן — הונגעריקע צייַן,
איינגעקלעמטע ביזן בייַן.

ליד פון לייד און ליד פון ברויט, —
דורכגעביסן זיך דורך נויט.

און אַזוי, אַזוי, אַזוי —
דורך דער נאַכט צו מאָרגן־גרוי,

איבער זומפּן, קויט און טויט, —
בליט אַף פעלדער נייַע ברויט!

און אַזוי פון וועלט צו וועלט,
שטעט און דערפער אויפגעשטעלט.

לאַנד צו לאַנד, צו נייַעם גאַנג,
ליד צו ליד — צו ניי־געזאַנג.

דאָס ליד פון אָרעמאַן

ניט טאָג, ניט נאַכט, ניט מאָרגן — היינט,
נאָר ס'טרעפט זיך סאַי־ווי, ליבע פריינט,

אין מיטן גאַס, אין קנופּ פון טריט,
פאַרציט זיך פלוצלונג מיין געמיט.

דער טאָג איז קורץ, עס וואַקסט דער טויט,
און ס'איז דער מענטש בלויז — טרוקן ברויט.

און פאַן, און מאַרש — אַ פאַנדן־שפּיל,
אַ מויל וואָס שרייט: „איך וויל, איך וויל".

עס בליט אַ בלום — די בלום איז דאָ,
און ס'איז נאָר דאָ איין־איינע שעה.

אין אָפּגעשיידקייט, דין און שאַרף,
דאָרט הענגט נאָך אַלץ סאַאידיס האַרף...

אַזוי פאַרציט זיך מיין געמיט,
אין רויש פון גאַס, אין טראַמפּ פון טריט,

אַזוי, אַזוי, — און טראַט נאָך טראַט,
איך ווער פאַרשלעפּט אין שטראָם פון שטאָט.

ניט מאָרגן־היינט, ניט נעכט, ניט טעג, —
נאָר פלוצלונג עפנט זיך אַ וועג.

דורך שווערן בראַזג, אַ דינער קול,
אַ דינער קול, אַ ווייטער טאָל.

און ס׳עפנט זיך אין טאָל אַ ריס,
באַווייזן זיך צוויי לאָמע פיס.

ניטאָ קיין שטאָט — צעוואָרפן שטיין,
נאָר ע ר איז דאָ, אַליין און איין.

ניטאָ קיין ווענט, ניטאָ קיין צאָם, —
אַ פנים מיט אַ פייער־שראַם.

און ס׳ברענט, און ס׳רויכערט זיך אַ ברעם,
און ס׳רייסט זיך ווייסער צונג פון קלעם.

אָט שטרעקט ער אויס זיין דאַר׳ע האַנט,
אַ מאָס, וואָס מעסט דאָס גאַנצע לאַנד.

און ס׳פלאַצט אין שפאַנונג איין געשריי:
— אין הונגער, הונגער, איך פאַרגיי!

ניט טעג, ניט נעכט, ניט מאָרגן־היינט,
און ווידער גיי איך צווישן פריינט.

און ווידער גאַס, און ווידער טריט —
דערהויבט זיך ווידער מיין געמיט.

און ס׳צינדט זיך הייס אין האַרץ אַ רוף:
— פאַרוואונדעטער, הויב אויף דיין גוף!

קום, אָרעמער, מיט שווערן טראָט,
קום, לאָמיר גיין, דורך שאַנד און שפּאָט.

דיין שראָם — אַ ליכט, דיין פּיין — אַ פאָן,
וואָס ווײַזט אַף שפּיזיקייט פון צאָן.

אַזוי האָסטו מיט האַק און פּאַק,
מיט נויט פאַרשאַרפּטער, ווי אַ האַק,

מיט טאָג, מיט הונגעריקן ביין, —
דורך זומפּן זיך געלאָזן גיין.

און ס'איז נאָך אַלץ קיין סוף צום גאַנג,
און ניט קיין סוף צו דיין געזאַנג.

אַזוי, אַזוי, ביז ווייטסטן שפּאַן, —
זינג ווידער ליד פון אָרעמאַן!

דער וואונדער פון שטאַמען

איבער בריק, דורך די סלופּעס־קאָלאָנעז,
גייען טריט פון מיליאָנען.

מיט די זעק, מיט די פּעק, מיט די צויטן, —
מיט די פאַרביקע הויטן.

מיט דעם בליאַסק פון צעלאָפּענע ימען,
מיט דעם וואונדער פון שטאַמען.

מיט דעם אומרו, פון איצט און פאַרצייטן,
מיט צעעפנטע ווייטן.

גיי איך מיט — מיט די דורות געצויגן,
נאָכן ליכט פון די אויגן.

זע איך זון איבער שוימיקן האָפן,
ווי צום טאָג פון באַשאַפן.

קומען שוואַרץ, קומען ברוין — אין די שבטים,
מיט צעפינקלטן אָטעם.

מיט דעם כישוף — ניט־גוטן, און גוטן,
מיט דעם בלענד אין די בלוטן.

קומען אינזלען, און פעלדער און בייטן,
און געקלימפּער פון קייטן.

זע איך שפּרונג פון די שפּיציקע ריפּן, —
און געשריי פון די טיפן.

און אַלץ גייט פון די ווייטסטע רעגיאָנען,
צו דעם מאַרש פון מיליאָנען.

זע איך זאַמדן — געוואַשן, געבאָדן, —
קומען שיפן געלאָדן.

שפּרייט זיך שאַרף דער גערוך פון די שפּייזן, —
ליגן הרודעס פון אײַזן.

קומען פעלזן, און ס'קומען מעטאַלן, —
און זיי שטייגן און פאַלן.

אַף געשטעל, און אַף טרעפּ, און אַף שטאַנגען, —
מיט דעם ריס פון פאַרלאַנגען.

אין דעם גוס פון מעטאַלענע מאַסן,
מיט דעם הונגער פון ראַסן.

וואַקסן ווענט, וואַקסן טורעמס־עטאַזשן,
אין געבורט פון אימאַזשן.

ציט זיך מאַרש דורך די סלופּעס־קאָלאָנען,
אין געפלעכט פון מיליאָנען.

גיי איך מיט איבער בריק, — ווי אַ בויגן,
נאָכן ליכט פון די אויגן.

און מיר דאַכט: דורך די פֿלאַמיקע צונגען,
זע איך גיבור אין שפּרונגען.

פֿון אַ הויך, צו אַ הויך, צו די שפּיצן,
צו דעם שנייד פֿון די בליצן.

בלייבט ער שטיין אַף אַ טורעם דערהויכטן,
ווי מיט צויבער באַלויכטן.

מיט אַ פֿאָן איבער לענדער און ימען,
איבער וואונדער פֿון שטאַמען.

ליד פון מענטש

ליד פון רויט, ליד פון רויט!
— נעם זינג פאַר אונדז דאָס ליד פון רויט!!
ווי קען איך זינגען ליד פון רויט,
אַז מענטשן גייען אום אָן ברויט,
אַז מענטשן זענען שוואַרץ ווי קויל,
און ווי אַ גרוב איז פוסט דאָס מויל.

ליד פון ברויט, ליד פון ברויט!
— טאָ זינג פאַר אונדז דאָס ליד פון ברויט!
ווי קען איך זינגען ליד פון ברויט,
אַז ניט אין ברויט נאָר איז די נויט, —
עס האָט דער מענטש צו עסן קוים,
דאָך רייסט ער זיך צום ווייטן רוים.

ליד פון רוים, ליד פון טרוים!
— טאָ זינג פאַר אונדז דאָס ליד פון טרוים!
ווי קען איך זינגען ליד פון טרוים,
אַז שלעכטסקייט ווייס ניט פון קיין צוים, —
און מענטש וועט פאַר א לעפל יויך,
פאַרקויפן זיך, די מאַמען אויך.

— אַז ניט פון רויט און ניט פון ברויט,
און ניט פון טרוים, טאָ זינג פון טויט!

ווי קען איך זינגען ליד פון טויט,
אַז בלוט פון מענטש ווי זון איז רויט,
ער גייט דורך פיין און בויט, און בויט, —
ווי קען איך זינגען ליד פון טויט.

ליד פון מענטש, ליד פון מענטש,
— נעם זינג פאַר אונדז דיין ליד, און בענטש!
דאָס ליד פון טרוים, וואָס גייט דורך נויט,
דאָס ליד פון רויט, וואָס גייט דורך טויט,
אַ ליד פון אַלט, אַ ליד פון ניי —
אַ ליד פון איינס, און צוויי, און דריי...

צו מענטש, צו ברודער

אַרויס פון איינזאַמקייט. די באַן יאָגט גבורהדיק און שאַלט
פאַרביי געהיימע שטיבלעך, ווינקלען אָפּגעריסן, אַלט.
אַ מענטש זיצט איין־אַליין, אַרום איז אַלץ צעשטערט,
צעוואָרפן ליגן שאַטנס, אייזנס, ברוך־און־בראַק,
עס וואַרפט די באַן מיט רויך־געשריי — בליצט אויף די שאַרפקייט
פון אַ האַק
אין איינזאַמקייט האָט ווער גערופן: „העלף״, האָט קיינער ניט געהערט,
אין איינזאַמקייט ליגט עמיצער באַהאַלטן אין דער ערד.

אַרויס פון איינזאַמקייט. עס בייט דער בליק
אַ באַרג אויף טאָל, אַ טאָל אויף באַרג — אַריבער בריק!
אַ שמאָלער וועג אַרונטן ציט, זיג־זאַג, אַ שטיקל פון אַ פלויט,
אַ סלופּ אַן איינזאַמער און אָפּן סלופּ אַ הוט.
קען זיין דער שמאָלער וועג פירט צו פאַרגאָסן בלוט, —
פּאַרטאַיעט שטייט דאָס גאַנצע פעלד; קען זיין אַ מענטש איז דאָ אין נויט
פאַרגאַנגען אָן אַ זייט, פאַרבלאָנדזשעט צו זיין טויט.

אַרויס פון איינזאַמקייט. עס שימערט קעגן זון דער שטאָל,
אין איינזאַמקייט, אַליינקייט, קלינגט אויף אַ ווייטער מדבר־קול.
גרימאַסע לייגט זיך אָפּן פּנים, און האָר פאַרהאַרטעוועט ווי דראָט,

די הענט פֿאַרשטייפֿן זיך, און שנאה שטעקט אַרויס די צונג,
און רויטס שיינט אויף אין אויג, אַ מעסער און אַ שפּרונג, —
יאָג, יאָג, דו גבֿורהדיקע באַן, צו מענטש, צו ברודער און צו שטאָט,
מיט מענטש איז רואיקער מיין בלוט, מיט מענטש איז זיכערער מיין טראָט.

ליכטיקע טריט

מיט געהויבענעם טראָט, ווי צעעפנטער וועג,
ווי אַ פויגל באַפרייט פון זיין פאַנג,
ווי דורך לאָנקע און גרין, מיט דעם זשום פון אַ בין —
גיי איך היינט דורך דער שטאָט מיט געזאַנג.

קוק איך דאָ, קוק איך דאָרט, איך האָב יעדן דערקאָנט,
בין געוועזן און וועל זיין און איך בין, —
שטייען טורעמס און ווענט, — ניט צעמענט, ניט צעמענט!
איז דאָך אַלץ אַזוי לופטיק און דין.

— גיב מיר, בלינדער, דיין האַנט, און צעעפן דיין ליד,
איך וועל זינגען מיט דיר דאָ צוגלייך:
— איז געגליכן דער מענטש צו די גראָז אויף דער ערד,
צו די פיש אין דעם רוישיגן טייך.

און דו, אַרבעטער דזשים, אויף דער שטאָטישער בריק,
כ'קען דיין ניגון אויך גוט שוין פון לאַנג —
— „שליס אַ ריי אין אַ ריי — שמיד די פרייהייט־אַרמיי,
און באַפריי זיך פון שקלאַפישן צוואַנג".

און דו, קינד, וואָס דו אייַלסט פאַרביי רוישיקן ראָד,
גיב אַ רייד, גיב אַ פרעג, גיב אַ זונג:
— ווער איז פלינק ווי אַ האָן? ווער איז קליין ווי אַ מאָן?
פאַלט ווי שטיין? — דאָס איז ליכטיקער פונק!

אָ, ווי גוט איז צו גיין, ווען געזאַנג גייט פאָראויס,
און דער טראָט קלאַפּט האַרמאָניש און גרינג:
— עי, געקומענער מענטש, גיב אַ בויג זיך, און בענטש.
וואַרף דיין טאָרבע אַראָפּ, נעם און זינג.

אַז פון לינקס און פון רעכטס קומט דאָס ליד ווי אַ בונד,
אין דעם שפּיגל פון יעדערנס הויט,
לויכט אַ ליכטיקער שיין, ס'וויל דאָך יעדערער זיין,
גיב אַ שפּרונג איבער שאָטן פון טויט!

ווי לבנה אַמאָל, ווען עס טראָגט זי דער ווינט,
דורך די קריעס פון וואָלקן אין גאַנג,
מיט באַפרייטן געמיט, דורך מיליאָניקע טריט,
גיי איך היינט דורך דער שטאָט מיט געזאַנג.

אַ ליד צו אַ כינעזערין
אויף בראָדוויי

אַ ליד צו אַ כינעזערין אַף בראָדוויי

כינעזערין, דו כישופמאַכערין פון קליין־פּאַריז,
דו טענצערין הויל־הויטיקע פון „פּאַראַדיז",
דו הערשערין פון רוישיקן בראָדוויי!

אין מיטן פון פיל־שטאַמיקן געגיי,
האָט פלוצלונג זיך צעצויגן:
רייץ פון אָריענטאַלישן שמינק,
הייסע האָריקייט פון מינק,
דינע ליפּן, קליינע אויגן,
מיט בשמימדיקן סם אין זיי, —
בראָדוויי — דיין קעניגרייך,
בראָדוויי — דיין הייס־געלעגער.
צו דיר יאָגן אַלע יעגער,
צו דיר שווימען אַלע שיפן,
צו דיר רייסן זיך די געטאָס, —
אויסצוטאָן זיך פון די יאָכן,
שפּרונג אַריבער אַלע טיפן —
— ברוך צו אַלע בראָכן!

ביים טויער פון רויט־לעמפּלדיקן קלונג,
צווישן סלופּעס גלאַנציקע, ווי עלפאַנטביין,

אונטער הענגענדיקן קראָקאָדיל מיט בלויער צונג,
שטייסטו, כינעזערין, —
מיט פאַנגענדיקן וואונק אין דיינע ציין!
אַ פינטל — און ס'רירט זיך די ריי:
שווימען פיש מיט גאָלדענע עקן,
שוימט דער וויין אין די זילבערנע בעקן,
שווימען ליכטער, און ליכטער, און ליכטער,
און זיי קומען צוריק מיט געזיכטער,
מיט היפטן, מיט בריסט, און מיט טאַנץ.
גייט און גייט די געצונדענע וואַנט.
אַ געץ שפרינגט אַרום אַף אַ שפיזיקער האַנט,
פליט אַ מלאך אַרויס מיט אַ קניקס,
אַ קאַרליק מאַרשירט מיט אַ ביקס,
לויפט אַ הינטל אַדורך מיט אַ קראַנץ, —
קלאַונען פון מילך־ווייסן טאַנץ.

און אונטן — גערוך פון די ימען!
איך גיי און איך וויג זיך צוזאַמען
מיט אַלערליי ראַסן.
אָ, ווי גוט איז צו זען די מענטשלעכקייט
פון אַלערליי שטאַמען —
דעם בייט פון די אויגן, דעם רויש פון די שפּראַכן!

ווי גוט איז צו שטיין ביים סוף פון די שליאַכן!
אַזוי פיל זונען, אַזוי פיל ווינקלען,
פון אַלערליי לענדער, פון אַלערליי אינזלען, —
און עס דאַכט זיך: דו זעסט ווי די כוואַליעס
מיט שוימיקע פינזלען —
זיי יאָגן און יאָגן, און קומען אַנטקעגן,
און פאַרבן די הויטן, און וואַשן די ברעגן.

אַלע לעבן צוזאַמען —
ברודערשאַפט!
אַלע ליבן צוזאַמען —
ליבשאַפט!
אַלע טרינקען צוזאַמען —
חברשאַפט!
אַלע אָטעמען צוזאַמען —
ביזן לעצטן זופּ,
אַלע גייען, גייען, גייען — .
און ביים סוף פון די וועגן — אַ קנופּ!
שטייסטו כינעזערין,
מיט דיין רוף,
מיט דעם ליכטיקן ריח פון גוף,
דו, כישופמאַכערין פון רוישיקן בראָדוויי!

איך גיי און איך וויג זיך אין גאַפֿן:
ווער האָט געבראַכט מיך צום האַפֿן?
איז דאָס דו? איז דאָס דו?
ווער האָט צעציטערט דאָס האַרץ?
ווער האָט אַ שלום באַשאַפֿן —
צווישן געל, צווישן ברוין, צווישן שוואַרץ?
ווער האָט פֿאַרוואָרפֿן די היים און די מאַמען
איבער די תהומות און ימען?
ווער האָט אַלעמען אין נאַקעטקייט צעגלידערט,
אין נאַקעטקייט פֿאַרברידערט?

בליצט אויף אַף אַ דראָט אַ שלים־מזל אַ גאָט, —
מיט אַ רונדן בודאַ־קאָפּ,
מיט נאַריש־דורכזיכטיקע אויגן,
אין פֿוילקייט דורכגעווייקט,
פֿינגער צו פֿינגער געצויגן,
און פּוס אַף פּוס פֿאַרלייגט,
און הינטער אים אַף געצונדענעם שטאַנג,
פֿאַרפֿירערישע דו,
דו, כישופֿמאַכערין, הסי וואַנג סו.
גליט און שווימט אַלץ די סופּלאָזע וואַנט,
און טראָגט מיט זיך מיט פֿון אַ מאַגישן לאַנד,
אַזאַ שלוכצן־געזאַנג, —

דאָס ליד פון טעמפּלדיקן רייך,
דאָס ליד פון „געלן טייך".

אַ קלונג, און אַ שפּרונג איבער היילִיקן תּם,
אַ שפּרונג איבער ווענט! —
עס ברענט, און עס ברענט איבער טורעמס אַ פלאַם,
דער וואָס טאַנצט ווערט ניט קיינמאָל פאַרברענט!
אַ שפּרונג איבער דראָט, צו דעם מיטן פון שטאָט:

— בין געקומען!
אָפּצואוואַשן אַלע שטויבן,
פון שלימזלדיקן גלויבן,
אויסצושעפּן אַלע טיפן,
איינצוזאַפּן, איינצוטריפן,
דינע בלויקייט פון די פלאַמען,
בלויע שאַרפקייט — סמען, סמען...
אָפּצוטאָן דעם יאָך פון יאָכן —
ברוך צו אַלע בראָכן.

כינעזערין פון רוישיקן בראָדוויי!
דורכגעדרונגען, דורכגעקלונגען
דורך פיל־שטאָטיקן געשריי;
אַלע זענען שוין פאַרשלונגען,

דרעמל פֿאַלט אַריבער אויגן, —
פּנימלאָזיקייט פֿון זיין;
פֿליען פֿונקען — פֿייל פֿון בויגן,
אין דעם שווים פֿון ווייסן שיין.
איבער אַלע — דו אין טאַנץ!
אַלע זענען שוין פֿאַרשלונגען,
דו בלייבסט אייביק, דו ביסט גאַנץ!
אין געמיש פֿון פּאַראַדיז,
זע, די נעגערין מיט קאַם
רייסט דעם אָנבליק פֿון איר שטאַם,
רייסט די שוואַרצקייט,
האָר — אַלץ גלאַטער,
ווייס און ווייסער,
אויגן — מאַטער.
צניעותדיקע כלה — אַלע!
אַלע רייסן שוואַרצקייט, ברוינקייט,
נאָר דו — —
אָריענטאַלישער גערוך,
געהיימניספּולער שפּרוך,
דו בלייבסט איינע אַף דיין לויער.
אַלע טראָגן מאַסקע — דו בלייבסט היימיש,
אין פֿיל־שטאָטיקן געגיי —

האַרטנעקיקע כינעזערין,
ביים רויט־לעמפּלדיקן טויער,
דינע ליפּן, דינע פּיס,
קליינע אויגן,
מיט בשמימדיקן סם אין זיי,
דו, כישופמאַכערין פון רוישיקן בראָדוויי!

ליבשאַפט

מאַמע־ערד

איבערנאַכט, מיט זון צוגלייך, האָט זיך בלי צעגליט,
האָט דער כח פון דער ערד זיך צעעפנט. איך שטיי פאַרגאַפּט.
קום, מיין פריינט, און זע, ס'איז דאָ אַ קראַפט,
פון וואוקס און שפּראָצונג, ס'איז דאָ אַ קראַפט, וואָס בליט.
אין אַ וועלט פון חורבן, פאַרצוקונג און פאַרראַט,
זע, אַ האָפענונג זיך צעשפּילט: אַ בלום, און נאָכן בלום אַ בלאַט.
אין אַ וועלט פון כאַאָס, זע, ווי ריטמיש, זינגענדיק, געשפּאַנט,
די ערד ציט ווידער אויף איר פּאָן. שטרעק אויס דיין האַנט,
אַנטקעגן זיי, און צולהכעיס טויט, וואָס איז ווי לעבן דאָ,
הויב אויף דיין בליק! עס נענטערט זיך די שעה,
ווען אַלע וועלן טוליען זיך צו מאַמע־ערד, וואָס קומט
מיט ליבשאַפט און פאַרגעבונג פאַר אַלץ, וואָס שפּראָצט און זשומט.
די מאַמע־ערד, וואָס טראָגט דורך פינצטערניש פון דורותדיקן שיכט,
עקשנות פון תחית המתים, דאָס אויסגעטרוימטע ליכט.
דער טויט איז דאַר און קליין, טראָגט טויט פאַר זיך אַליין.
דער טויט איז אונטערטעניקייט, די אַש פון גרויסן פלאַם,
נאָר, זע, הערראַאישקייט פון וואוקס, און בונט פון יעדן שטאַם!
אַזוי פיל צינגער, מיילער, הענט, מיט הונגער פונם זיין,
און קיינער ווערט דאָ ניט פאַרפעלט — ניט מיין, ניט דיין!
די מאַמע־ערד אין מיילן־שפּרונג, ברענגט יעדערן זיין בלי,
און הענגט נאָך אויף אין הויך דעם טרוים פון שטערן־גלי.

מיט זון צוגלייך, מיט גרין און גאָלד, האָט אויפגעוואַכט די וועלט,
אַ וואונדער ברענגט אַ וואונדער, דאָס האַרץ ווערט אַנגעקוועלט.
וואָש אָפּ פון אויג דעם ציטערדיקן שלאָף פון לעצטער נאַכט,

ווען אין זכרון — איבער שוואַרצן יאוש־תהום,
געשוואומען זענען טעג, ווי בלעטער, מיט אַ מוטנעם שטראָם,
און קאָפּ אַראָפּ, מיט אָפּהענטיקער האַנט, האָט שטום געוואַכט,
דער שאָטן פון אַ וועלט, וואָס ווערט פאַר׳שרפה׳ט און פאַרברענט.
הויב אויף דיין בליק! און זע, ס׳איז דאָ אַ קראַפט, וואָס בויט,
עס קומט אַ טאָג, ווען אַלע, מיד פון אומקום און פון טויט,
און אַלע אַנטרונענע פון פאַרדאַרבנדיקער שווערד,
דערזען וועלן: דער אמת שפּראָצט פון דר׳ערד!
און יונג און אַלט, ווי אדם — אין הייליקן אָנגעזיכט,
זיי וועלן זיך פאַרשעמען פאַר דעם גרויסן ליכט!

דיין פנים

דיין פנים קומט מיר אַנטקעגן —
ווידער און ווידער,
ווי קלאַנג פון לידער,
ווי בלאַט אויף בוים;
דיין פנים איז ניט איין —
ביסט פילגעשטאַלט,
ביסט פיל־געזיכט,
נאָר אומעטום מיט זעלבן ליכט.

דיין פנים קומט מיר אַנטקעגן,
אין אָפנקייט פון וועגן,
ווי עכאָ פון אַ קול,
ווי שטעגל פון אַמאָל,
ווי ערשטע ערד ביי גאָרטן־בייט,
וואָס גייט מיר נאָך, און היט,
מיט באָבעס ברכות, מאַמעס רייד,
מיט ערשטע קינדערישע טריט.

דיין פנים קומט מיר אַנטקעגן,
און טרעפט — פאַרשווינדט,
אַ שאָטן — שוואַרץ, אַ שאָטן — גראָ,
נאָר אָט לויפט דורך אַ ווינט,
און דו ביסט ווידער דאָ,
אין פולן ליכט, מיט פול געזיכט,
ווי לבנה אין איר בלויען טאַנץ,
אָט איז זי האַלב, אָט ווידער גאַנץ.

דיין שאָטן

פעסיע כהנא׳ן — מיט ליבשאַפֿט

איך זיץ אין דיין שאָטן צעגלײטן,
דיין שאָטן — דיין וואַכיקער טרויער.
ס׳קען קיין זאַך אַזוי מיך ניט היטן,
ווי ס׳היט מיך דיין וואַכיקער טרויער.

אין אָפֿנקייט שמעלצן זיך זונען,
אָן צוימען, אָן רו און אָן דויער, —
נאָר דו האָסט מיר שטילקייט געשפּונען,
אין צוימיקן, טרוימיקן טרויער.

די תאווה ברעכט טיר און ברעכט ריגל,
פֿאַרצוקונג ברענט הייסער און רויער, —
נאָר איך אונטער שאָטן — אַ פֿליגל,
דיין שאָטן — דיין וואַכיקער טרויער.

און ס׳טרעפֿט: איך דערפֿיל זיך פֿאַרלײטן,
איך זיץ, און איך קוק, און באַדויער, —
ס׳קען קיין זאַך אַזוי מיך ניט היטן,
ווי ס׳היט מיך דיין וואַכיקער טרויער.

לבנה־שיין

איך ליג אַ גאַנצע נאַכט די אויגן אָפן,
איך קען ניט שלאָפן.
אַף שאָטנדיקער וואַנט, זע, די לבנה שיינט, —
וואו ביסטו היינט??

געדויש פון בוים, אין ציטערן און ווייען
צעטיילט אויף צווייען:
מיר דאַכט, אַז דו געבליבן ביסט אין טאָג פאַרמאַכט,
און איך אין נאַכט.

איך קוק און זע געשפענסטער־סילועטן,
די ליפּן בעטן:
— נעמט, צויבערער, מיך מיט, און איבער כשוף־בריק,
צו איר צוריק!

אַ שאָרך, איך זע ווי פינגערדיקע צווייגן,
מיט מאָדנעם שווייגן,
זיי שטעקן זיך דורך פענצטער דורך און אויף דער וואַנט,
שוין שרייבט אַ האַנט.

אַן אות צו אות, דערמאָנונגען זיך בינדן,
נאָר באַלד פאַרשווינדן.
די איינזאַמקייט, ווי שפּליטער, פון דעם חושך בליצט —
וואו ביסטו איצט?

איך שפּרינג אַראָפּ, ווען וועט שוין נעמען טאָגן?
מיין האַרץ טוט שלאָגן.
לבנה בלייכט, די שטערן — אײנציקווייז און קליין,
אַליין, אַליין.

באַגינען

איך בין היינט אויפגעשטאַנען מיט אַ טונקל האַרץ,
אַ פרעמדער פלעק אַף מיין געוויסן, —
איך גיב אַ קוק, איך זע דער מזרח
איז אויך אַזוי, —
אַ וואָלקן איז אַף אים צעריסן.
איך ווייס, די זון דאַרף אויפגיין איצט,
איז אויפגעגאַנגען —
נאָר וואָלקן וויל פון דעם ניט וויסן.

אין טונקלקייט, איך זע, אַלץ שטייט אַף זעלבן אָרט,
וואָס האָט ביינאַכט אַזוינס געטראָפן?
איך האָב געמיינט, אַז מיין געוויסן,
ווי בוך אַף טיש —
איז אויסגעלינעוועט און אָפן, —
איך שאַר זיך שרעקעדיק, פאַרשעמט
אַף שפּיצן־פינגער,
צו זען ווי מיינע קינדער שלאָפן.

איך זע אַף פנימלעך ביי זיי באַגינען־שפּיל,
כאָטש וואָלקן ליגט נאָך אויסגעצויגן —

חרטה קריכט אין האָרץ, כאַטש אומרו
איז שאָטנדיק,
ווי פלעדערמויז אַוועקגעפלויגן,
איך קוק דערפרייט צו מזרח־זייט,
וואו ליכט און וואָלקן —
צוזאַמען ברענגען איצט אַ טאָג אַף רעגנבויגן!

ליבשאַפט

די שטאָט גייט פון רעכטס, און די שטאָט גייט פון לינקס,
אין מיטן אַ בערגל דערהויבן;
אין מיטן פון בערגל אַ שטיין, ווי אַ ספינקס,
וואָס סטאַרטשעט מיט דער שטאַרקייט פון גלויבן;
ער לויכט אין זיין שטאַרקייט מיט שפּליטער פון קוואַרץ, —
ער וועט ניט פאַרווישן, ער לאָזט ניט פאַרגעסן,
דאָס ליד פון מיין האַרץ —
דאָ זענען מיר ביידע געזעסן.

דער לאָן ליגט נאָך נאַקעט, געוואַשן און ריין,
עס גרייט זיך די ריינקייט צום פרילינג;
עס שפּרינגען און נאַשן, מיט עקלעך און ציין,
צוויי וועווערקעס שיין, ווי אַ צווילינג.
דאָס שטעגל, דאָס טייכל — עס רוישט מיין געמיט,
איך זוך, ווי אַ שפּיר־הונט, די נעכטיקע קלאַנגען,
די גראָזיקע טריט, —
דאָ זענען מיר ביידע געגאַנגען.

אַ קוק אינם וואַסער, אין גרינלעכן שטראָם,
און ס'דאַכט מיר: אַף מאָכיקע שטאַפּלען,
עס הויבט זיך אַ פּנים, עס בלעזלט דער תהום,
עס טויכן צוויי שטילע שוואַרצאַפּלען.
די ווערבעס זיי הערן, אָן פּיפּס און אָן קול,
ווי טייך פּלאַפּלט אויס פון דעם נעכטן פאַרמאַכטן —
די רייד פון אַמאָל,
די רייד פון די שטילע פאַרנאַכטן.

די שטאָט גייט דורך גאַסן, דורך טויער און טיר, —
די הייזער, מיט פענצטער, ווי שפּיגלען;
דעם בונד, וואָס איך האָב דאָ פאַרשניטן מיט דיר,
וועל איך שוין אַף אייביק פאַרזיגלען.
מיט לאַן און מיט שטעג, און מיט יעטווידן גליד,
מיט שטיין אויפן בערגל, פאַרעקשנט, דערהויבן, —
זאָל זינגען מיין ליד,
מיין ליד פון געהייליקטן גלויבן.

פרילינג

פרוי און פרילינג. ווערט דער הימל אַזוי הייטער,
און איבער אַלץ דיין פראַגע: — וואָס ווייטער?

וואַכע ליפּן, טייך ווערט שטראָמיקער, פאַרשייטער,
און איבער אַלץ דיין פראַגע: — וואָס ווייטער?

בוים צעציט זיך, בעט זיך ביי דער זון: — קום, און לייטער!
און איבער אַלץ דיין פראַגע: — וואָס ווייטער?

דער בוים ווייס ניט, דער פויגל ווייס ניט, דער הימל אויך ניט, —
פאַרוואָס זאָל איך עס וויסן?

וואַכע אויגן אין אַ פרילינג־שעה פאַרשייטער,
און איבער אַלץ דיין פראַגע: — וואָס ווייטער?

אין דערוואַרטונג

זי מיט אירע גרויע אויגן,
הוט, ווי פליגל, אויפגעבויגן —
זיצט און וואַרט,
זיצט און וואַרט.
פינקלט רעלס אין ווייט געצויגן,
באַן איז שוין פאַרבייגעפלויגן —
ניט דערוואַרט.

זוך איך אויך אַף אַלע זייטן,
קוק אין נאָענטן, אין ווייטן, —
זיץ און וואַרט,
זיץ און וואַרט, —
ניט דערוואַרט.

ווען איך וואָלט געוואַרט אַף איר,
ווען זי וואָלט געוואַרט אַף מיר, —
אָ, ווי הייס עס לייכט אין בלוט,
די באַגעגנטע מינוט!

אָבער איצט —
בליצט און בליצט,
בלויע רעלס אין ווייט געצויגן,
אומרו אין די גרויע אויגן —
זיצט און וואַרט,
זיצט און וואַרט, —

וואַרט באַזונדער און אַליין,
וואַרט איך אויך אַזוי אַליין,
טיילט דאָס וואַרטן אונדז פֿאַנאַנד,
ווי אַ דורכזיכטיקע וואַנט.

קומט אַ באַן מיט רויך און פֿונק,
רעדער רייצן זיך: דאָ־דאָ,
דאָ — ניטאָ, דאָ — ניטאָ,
עמעץ וואַרפֿט צו אונדז אַ וואונק,
גיט איר קליינער מויל אַ צוק,
גיט זי שאַרף אַף מיר אַ קוק —
בלייבןביידע, ווי פֿאַרשעמט,
וואַרט און וואַרט, און ניט דערוואַרט,
ניט דערוואַרט, און אָפּגענאַרט;
ביידע ווייט און ביידע פֿרעמד,
ווי די רעלס ביי רעלס געצויגן —
הינטער באַן, וואָס איז פֿאַרפֿלויגן.

צווישן בערג

אַ רונדער טאָל, ווי אין אַ ראָם,
די בערג אין נאָנט, מיט שפּיצן ווייט.
פון פעלדער וואַקסט אַרויס די מי,
די שייערן מיט שטרוי און פּי,
די שאָטנס ליגן זייט ביי זייט, —
און זעאונגעגן פון יאָ און ניין,
זיי קומען פון די בערג צוגיין.

אַ וועג, אַן אָנהויב און אַ סוף,
אַ מענטש באַווייזט זיך הינטער שטויב.
פירט איינער האָלץ, אַ צווייטער ליים,
צעשפּרייטע שטייען היים נאָך היים, —
נאָר ס׳קוקט פון אומעטום אַ שויב,
און דורכן טיר — אַרויס־אַריין,
געשטאַלטן, ווי אין שפּיגל־שיין.

אַ פויגל פליט, — דאָס איז זיין גאַנג,
עס פליט אויך הויך די שוואַרצע ראָב.
נאָר טיף אין טאָל, אַליין און קליין,
אַ פויער טוט נאָך אַקער גיין,
און טרעפט אַ שטיין — איז גראָב נאָך גראָב,
אַ וויש דעם שווייס, דורך שטרויכלונג, צוים, —
אַ נייער פּאָס, אַ נייער טרוים.

פאַרנאַכט. פאַלט שווייגן רונד — אַ רייף,
עס טוליעט זיך אַ בייט צו בייט ;
דערמאָנט זיך מיר אַ פייף פון גריל,
אין נאַכט אַ ווייַנענדיקער ביל,
ווען מאַמע האָט מיך שטיל באַגלייט, —

פון טיפן טאָל אַ טונקלער רויך,
גייט אויף צום באַרג דערווייטערט, הויך...

פעלד

דין און גרין, —
טוי־טראָפּנס לופטיק און גרינג,
איך, מיט דער שווערקייט פון בער,
ווי קום איך אַהער?

בלימעלעך־גלעקעלעך — גלין!
בליטן, און בלי, און אַ בין, —
איך, מיט דער האַרטקייט פון שטאָט,
וואָס טוט דאָ מיין טראָט?

צי און אַ ציף —
עפנט זיך קוואַל אין דער טיף.
לייכטקייט, אַן יאָך, און אַן בראָך,
עפנט זיך שטיין אונטער מאָך.

אָפּענער שיכט —
לעגענדע וואָס פירט צו אַ ליכט...
גינגאָלד צעהאַנגען אַף ווענט,
ריר דאָס ניט אָן מיט די הענט!

סוד פון דער וועלט, —
עפנט זיך אויג און געהער;
הערט זיך געזאַנג אַף אַ בוים,
דוכט מיר: דער פויגל ווייס מער...

דער וואַלד שטייט פריי...

דער האַרבסט האָט אונדז אין וואַלד אַריינגעצויגן,
גערוך פון ווילדע, רייפע כריזאַנטעמען,
אָ, טייערע, ניטאָ זיך וואָס צו שעמען,
וועל קוקן אין די שטילע, פולע אויגן,
און קושן דיינע אויפגעוואַכטע ברעמען.

דיביימער שטייען הויל, און הויך, און שווייגן.
די וועווערקע קלייבט ניט און שפרינגט אַף בלעטער.
אָ, טייערע, אַף סטעזשקע אויסגעבעטער,
שטרעק אויס צו מיר די הענט דיינע, ווי צווייגן —
קלייב צערטלעכקייט אַף וויַיטן שפּעטער...

דער וואַלד שטייט פריי, געזאַנג פון שטאָלצע שטאַמען!
דער האָריזאָנט איז אָפּגעדעקט און אָפן.
די בלעטער זענען ציטערדיק צעלאָפן —
נאָר טיף אין אונדז געבליבן זענען פלאַמען,
און ליד פון שטאַמיקייט, און ליד פון האָפן.

ווינטער אין שטאָט

שניי און ווינט, און שניי פון מויערדיקע ריזן,
ס'איז די שטאָט פאַרכאַפּט אין שטעכיקן געדריי,
פון די דעכער, פענצטער און קאַרניזן,
בלאַנקט מיט אַלטן שימער פרישער שניי.

שווינדלען, שווינדלען, — דורך געשווינדל אויגן בליצן,
פרויען שמייכלען, מענער מיט פאַרשטייפטע קעפּ,
ניט קיין הייזער, ניט קיין ווענט און ניט קיין שפּיצן,
ווייסער וועג דורך שטאָט ביז צפונדיקער סטעפּ.

ליים און ציגל, — דורך די שטאָטישע געברילן
צינדט זיך אין דער ווייסקייט ווייטע פרייד —
פרייד פון גיין דורך שטורעם, גיין מיט שטאַרקן ווילן,
שפּרינגען, ווי אַ חיה, איבער שטרויכלענדיקער לייד.

קומען אַפן זינען לידער אַלטע — לירישע פּאָעטן —
וואו עס ווימלען שנייאיק גייסטער אין געהיים.
נאָך מער וואַקסט די פרייד פון טריט, וואָס טרעטן, טרעטן,
שניידן דורך אַ וועג צו וואַרעמקייט פון היים.

ס׳איז היינט אַ שניי.

ס׳איז היינט אַ שניי, און שניי איז ווייס,
גייט אויף צו דיר מיין ליבע פלאַטערדיק און דין.
אַריבער אַלע וועגן וואונדערלעכער בלענד,
אַ פליטער צינדט, אַ פליטער שווינדט,
אַ פליטער־טאַנץ אין שטיפער־ווינט,
ניט שניי האָט מיך צו דיר געגנענט, —
איך בין געווען און בין.

אַף שוואַרץ־ערד, אין אַן אַנדער שעה,
האָט גראָז אַרום דיין שוועל געפלאַטערט גאָלד און גרין,
און אין פרימאָרגנדיקן, רחבותדיקן בלענד —
אַ טוי זיך צינדט, אַ טוי פאַרשווינדט,
עס בויגט זיך גראָז צום מילדן ווינט,
ניט בלי האָט מיך צו דיר געגנענט, —
איך בין געווען און בין.

אַ שניי איז היינט, נאָר כ׳ווייס אַ טאָג,
ווען איבער בוים, אַן היים, געיאָגט האָט לעצטער שפין.
און אין דעם הוילן, האַרבסטיק־וועלקנדיקן בלענד, —
אַ בלאַט זיך צינדט, אַ בלאַט פאַרשווינדט,
אַ בלעטער־טאַנץ אין רויען ווינט,
ניט פיין האָט מיך צו דיר געגנענט, —
איך בין געווען און בין.

נאָר היינט איז שניי, און שניי איז ווייס,
גייט אויף צו דיר מיין ליבע פלאַטערדיק און דין.

וואַרף שניי אין שפּיל פון פּראָסטיק־זונעדיקן בלענד,
אַ פליטער צינדט, אַ פליטער שווינדט,
וואַרפט שטערנדלעך פאַר אונדז דער ווינט,
עס ציען שנייאיק זיך די הענט,
איך ווייס איך האָב צו דיר געגענט —
איך בין געווען און בין.

אין מיטן טאָג

דער טאָג ליגט הויך און פול אין רחבותדיקן ליכט,
אין פולער בלענדיקייט די זון שטייט אין זעניט.
איצט דאַרף איך ריידן קלאָר, מיט אָפענעם געזיכט,
מיט אָפּגעדעקטע רייד פון פּשוטן געמיט.

אַ בוים איז בוים — מיט וואוקס פאַרוואָרצלט אין דער ערד,
און וועג ליגט אָפן מיט אַן אָנהויב און אַ סוף;
קום, וואָרט, באַנעם, דערזע, ווי שיין אַף שאַרף פון שווערד,
דער אמת שפּראָצט, באַהעפטערהייט, ווי אַלף — תו.

געווען אַ שעה, באַגין — געבוירט פון ערשטן שטראַל,
און איך, אַ קינד, אַף באַרגשפּיץ האָב געזען מיראַזש:
דאָס לעבן, ווי אין טאָל, אין שלייערן־וואוואַל,
און שוואַנען כּישופדיק אין שווימיקן אימאַזש.

דורך נעפּל — דוכטעניש, געשפּענסטיקער קאַיאָר:
אַ ריז, אַ פּרויען־לייב, אַ פאַרבעדיקער רויך, — —
איצט רינגלט מיך דער טאָג מיט אָפנקייט פון וואָר,
און וואָר פון אָפנקייט — די נאָענטקייט פון הויך.

און זע, אַנטפּלעקט, צעשפּרייט, ווי וואונדערלעך די פלאַך,
פון אָפּגרונט רייסט זיך אַלץ, פון פינצטערניש זיך ציט!
זע, האַנט — אַ וואַנט, וואָס רייסט זיך העכער נאָך פון דאַך,
געיעג פון שטיינער איבער קעפּ. געיעג פון טריט.

און קלאַנג, און רויש, און מענטש, און קאַמף פאַר ביסן ברויט,
געוויין פון ווינט, געוויין פון ברואים טיף אין קויט,
און קוואַליקייט פון פעלז, פון וואָרצל און פון שטאַם,
און כוואַליעקייט, געלאַף, פון רוישנדיקן ים.

און דו, מיין ליכטיקע, באַשייד פון הוילן טרוים,
געראַטעוועט פון נאַכט, פון קנאה און פון האַס,
ווי ס׳רעטעט זיך אין שטאָט אַלייע הינטער צוים,
אַ שטיקל וואַלד פאַרכאַפּט פון טומלדיקער גאַס.

אַ הינטן — דאָרף, פאָראויס — שפּאַנט גבורהדיקע שטאָט!
די נאָענטקייט פון מענטש, די היימלעכקייט פון זיין;
דער טאָג איז גרויס און רייף, און ליכט פאַר יעדן טראָט,
און לייטערונג דורך פרייד, און לייטערונג דורך פּיין.

קום, וואָרט, קום, איינפאַכקייט, געראַטעוועט פון וואַן!
ס׳איז דאָ אַ שעה, וואָס גייט און נויגט זיך אָפּ צוריק;
און ווידער קומט זי אָן די כישופדיקע שוואַן,
וואָס שווימט שוין אונטער טאָג, ווי שיף שווימט אונטער בריק.

און ווידער קלאַפּט אומהיימלעכקייט, ווי טאַק און טיק,
ווי רעגן גאָר אַמאָל אין דאַך פון זיידנס הויז,
און ס׳גראַבלט זיך דער סוף, און נעפּלדיק דער בליק,
און טונקלקייט פון האַרץ — באַהעלטעניש פון מויז.

אין שאָטן־בויג פון טאָג פאַרנעפּלט זיך דאָס לאַנד,
ווערט אַיינגעשרומפּן ערד צו שטעג, צו איילן פיר, —

נאָר וויפֿיל ביינער־טריט עס טראַמפּלען דאָס ביים ראַנד!
און וויפֿיל פֿינגער־הענט עס קלאַפּן דאָס אין טיר!

נאָר איצט איז פֿול דער טאָג — די פֿולקייט פֿון באַשייד,
נאָר איצט איז מיטן־טאָג, די זון שטייט אין זעניט;
איצט איז די צייט פֿאַר וואָרט, פֿאַר אָפּגעדעקטע רייד,
פֿאַר אָפּענעם געדאַנק פֿון פּשוטן געמיט.

היינטיקע טעג

געזאַנג פון די היינטיקע טעג

היינטיקע טעג,
היינטיקער וועג, —
ריטם פון פרייד,
דורך מאַטער און לייד.
אין גאַנג און געזאַנג,
און בלוטיקן צוואַנג, —
לאַנד אין געמיש,
ביים צעבראָכענעם טיש
טאַטע און קינד,
פאַרהונגערט ווי הינט,
און פאָן, וואָס איז רויט,
וואָס רייסט זיך דורך טויט!

היינטיקער וועג,
היינטיקע טעג!
יאָגט זיך המון,
צעבראָכן אַ קרוין,
צעריסן אַ טראָן, —
און — שוין! — — — —
קומט אָן,
ניט רויטע פאָן,
נאָר רויטע טוך,
— הורא און ביס!

דורך גוואַלד און ריס,
לויפט מענטש צערייצט,
דורך בייז און פלוך,
לויפט מענטש צום טויט,
צעעפנט הויט —
מיט בלוט פאַרפלייצט!

הײַנטיקער ריטם:
ריי אין אַ ריי,
געשריי אין געשריי:
— מענטש וויל פרייהייט!
— גיט אים!
— מענטש וויל לויפן!
— ציט אים!
— ברענגט אים גליק!
— פירט אים איבערן בריק!
— עפנט אים טיר און טויער!
— פאַרטרייבט אים זיין טרויער!
— קום אַריין, קום אַריין!
— נאַ דיר גאָלד און נאַ דיר געלט,
— נעם און קויף אַן אַנדער וועלט!
צעשפאָלטענער רוים!
צעביסענער טרוים!

הײַנטיקער וועג,
הײַנטיקע טעג!

באַלעבאָס פון אַ זעקל רייז,
באַלעבאָס פון אַ צענדליק מייז,
אַפן באַרג און אונטערן באַרג, —
מיט דעם זעקעלע צום מאַרק.
אַפן דאַך און אונטערן דאַך,
אַ קאַדריל — טאַ־ראַ־טאַ־ראַך!
הונגער גייט!
שרייט און ליאַרעמט באַלעבאָס,
איינגעגנורעט הינטער שלאָס —
— ווער איז דאָס?
— העלף!
— ראַטעוועט פון וועלף!

מיטן זעקעלע אין האַנט,
קלאַפּט ער זיך דעם קאָפּ אָן וואַנט.
טראָגט זיך דורכן לאַנד געשריי:
— עלעהיי!
— טשעפּעט ניט מיין רייז!
— טשעפּעט ניט די מייז!

היינטיק געזאַנג,
היינטיקער גראַם.
דורך בלוט און דורך צוואַנג,
דורך ימען פון סם —
אַ מענטש מיט אַ בייטש:
— אַ דייטש!

אַ מענטש מיט אַ בלויז —
— פראַנצויז!
פלעדערמויז,
נאַכט־עראָפּלאַן, —
אַמעריקע, ענגלאַנד, יאַפּאַן!

אומעטום —
בעטנדיקע הענט!
אומעטום —
פאַלנדיקע ווענט!
פאַלט מענטש אין רואין,
זשו־זשו אין די פיסלעך פון שפּין!
— ר־ר־ר־רויט! ברויט!
אומעט איז שווער,
געזאַלצן די טרער,

נאַקעט איז נויט,
און מיאוס איז טויט,
מדבר און שטאָט,
אין שטעכיקן דראָט, —
גייען, גייען —
מחנות צו טראַנשייען!

גייט ריי אין אַ ריי,
געשריי אין געשריי:
— הייליקער טאַטע!

— אַ רוח אין דיין טאַטן!
— הייליקע מאַמע!
— אַ רוח אין דיין מאַמען!
אויסברוך, פלאַמען,
פלאַצן פּאַלאַצן,
קומען אָן די פּאַיאַצן,
שפּרינגען און זינגען, —
— גאָלד אין די גריבער,
ווייַן אין די שטיבער,
ווייבער אין בעט!

קומט מענטש, קומט אויך שד,
קומט העלד, קומט אויך כאַם!
היינטיקער ריטם,
היינטיקער גראַם!

היינטיקע טעג,
צעריסענער וועג,
צעעפנט האַרץ,
דערוואַכט אַ מענטש, און יאָגט אַוועק,
— איז אַנטרונען פון שוואַרץ!
איז אַנטרונען צו ליכט!
פינצטערניש קריכט,
פינצטערניש קראַכט,
קומט זון איבער ים —
— איז אַנטרונען פון נאַכט!

און איבער פֿאַרפּייניקטן שטאָם,
אין לעצטן אָנטשיידנדן קאָן,
רייסט זיך פּאָן, רייסט זיך פּאָן,
— איז אָנטרונען פֿון טויט,
פֿלאַטערט פּאָן, וואָס איז רויט!

אַ ליד צום המון

אייערע סענסאַציעס, אייערע עקסטאַזן, —
אָ, היט מיך אָפּ פון זיי!
ליבּ־געזאַנגען שאַלן, פּלאַצן ווי די גאַזן,
אין פאַרשטיקטער ריי.
מוזט איר איינעם זאַלבן, און אַ צווייטן — קעפּן,
און אַ דריטן, ווײ מיר, צו דער קבורה שלעפּן.
צדקה תציל, תציל... און מיט קריעה־לאַצן
יאָמערן ביים קבר אייערע פּאַיאַצן.

בייטן זיך די געטער,
צעלויפן זיך די בעטער, —
טערפיקע גערוכן,
מוזט איר אַלץ פאַרזוכן.
זוכט איר מיט די פינגער,
שרייען שוין די צינגער:
— אויסלייזער — פאַררעטער!
— אויסגעטראַכטע געטער!

אייערע מזבחות, הויכע פּעדעסטאַלן,
אָ, היט מיך אָפּ פון זיי!
בויט איר טראָן, וואָס העכער — שווער זאָל זיין דאָס פאַלן,
המונישער געשריי!

שטעכט איר זיך די לייבער, קניט איר פּאַר אַ דאָרן,
מוזט איר איינעם קרוינען — לייגט איר זיך אין אָרון,
בייט איר זיך מיט מאַסקעס, זייפנבלאָזן פּלאַצן, —
ווערט איר אַלע שוין פאַרוואַנדלט אין פּאַיאַצן.

קאַטשקע־קאַטשקע דריילעך,
האָט איר שוין אַ מלך,
קומט אַ נביא פּרעפּלען —
ליגט איר שוין אין נעפּלען.
בלענדעניש און פירער,
שטופּן זיך מאַרטירער,
קאַטשקע־קאַטשקע דריילעך,
— אויס מיט אייער מלך!

אייערע סענסאַציעס, אייערע עקסטאַזן,
אָ, היט מיך אָפּ פון זיי!
וואָלט איך אייך געשאָלטן, ווייס איך די מיראַזשן
שטילן אַיין דעם וויי, —
אַז ווי בלינדע סדומער זוכט איר אייער שונא,
קריכט איר דורך די רויכן, קריך איך אויך — דער איינער!
יאָגן נייע לעשער, קלאַפּן נייע טאַצן —
רעטונגסלאָזע פּליטים, אייביקע פּאַיאַצן!

לידער, מײַנע לידער

לידער, מײַנע לידער,
וואָס זײַט איר אַזוי דערשראָקענע געבליבן שטײן, —
און ווי וואָלף אַף ווײַסע שעפּסעלעך,
ציטערט איר מיט אַלע גלידער דין און קלײן?

לידער, מײַנע לידער,
וואָס טוליעט איר זיך אות צו אות אַזוי אין שרעק?
פּאָרווײַז־פּאָרווײַז, קומען שורות אויפגעשויבערט,
ווי די פֿייגל אַף פֿאַרוויסטער שטרעק!

כ'האָב דאָך אײַך דורך נעכט געקליבן,
אײנציקווײַס געוואַרעמט און געהיט,
און געהאָפט: ווען אַלץ זאָל זיך פֿאַרלעשן,
וועט דאָך אײַער פֿײַער בלײַבן העל צעגליט!

ענטפֿערן די לידער: — זײַ אונדז מוחל,
עס שרעקט אונדז אײנם חושך אַזאַ ברענענדיקע רויט,
אַז מיט יעדן וואָרט, און יעדן אויסגעשרײַ,
שרײַט אַרויס פֿאַרצוקונג און פֿאַרגאָסן בלוט.

העלף און ראַטעווע — ווי שטיקער וואָלקנס יאָגן,
קולות וואָיען אין געוויטער,
ווערטער פֿאַלן ווי אַ האָגל אַף די מענטשן,
און די אותיות שפּאַלטן, שטעכן זיך, ווי שפּליטער.

ניט נאָר מיר, אויך דו, געטרייער היטער,
זוך אַ שוץ באַצייטנס, אין דעם שיין פון בליצן, —
ניט מיר קענען זיך אַליין באַשירעמען,
ניט מיר קענען דיך באַשיצן.

האָב איך אויסגעהערט די צערדיקע רייד,
און געזעצט זיך אין דער נאַכט אַליין,
און געקוקט, ווי מיינע לידער ציטערן אין חושך,
ווי די וואָל אויף שעפסן — דין אַזוי און קליין.

די האַנט

די האַק, וואָס האַקט דעם בוים אין וואַלד,
— פֿאַרוואַרף!
דער בוים אין ריס — ער שרייט און פֿאַלט,
עס קען די האַק מיט זעלבן שאַרף —
אַ מענטשן טרעפֿן.

דער לאָם, וואָס זינקט אין דרערד אַף שטיין, —
— באַהאַלט!
עס שפּריצט פֿון שטיין אַרויס געוויין,
דער זעלבער לאָם קען האַרט און קאַלט —
אַ מענטשן שלאָגן.

די ביקס, וואָס יאָגט אַ האָז אין שרעק
— פֿאַרהויל!
אַ רויטער שפּור אַף אַלטן וועג,
עס קען די זעלבע, הייסע קויל —
אַ מענטשן טויטן.

פֿאַרוואָרפֿן אַלץ שוין מיטאַנאַנד,
ניטאָ!
געבליבן נאָר איז מענטשנס האַנט,
די האַנט וואָס בויט, די האַנט וואָס טויט, —
די האַנט אַליין.

שווערע טעג

שווערע טעג, שווערע נייס:
הריגות, זעלבסטמאָרדן, לויות.

אַ תהום האָט זיך געעפנט, פאַרשלונגען מענטש און ערד, —
וואָס ווערט?

— עי, שומר, וואָס געשעט אין נאַכט? דער פאַקל ברענט,
און ס׳ציטערן די הענט.

און הינטער דעם שטייט מענטש און וואַרט, און זעט, —
שטייט מענטש און בעט.

וואָס ס׳האָט געטראָפן וועט ווייטער טרעפן,
מיט יעקב׳ן, מיט סטעפן.

און הינטער אַלעמען שטיי איך מיט ליד, מיט זילב,
אַריבער מיין פּאַפּיר אַנטלויפט אַ מילב.

דער מילב — אַ נס, וואָס יאָגט פון אות צו אות אַריבער אות!
ווי איך אַריבער קברים — איז וואָס?...

די גרויסקייט פאַלט, בלייב איך דאָ איוב׳דיק אַליין,
מיט די אַלטע וואונדן, מיט מיין אַלט געוויין.

די באַלאַדע פון יאָר 1938

אַף פּאַסיפישן ים אין געפּאַנצערטער וויג
וויגט זיך אום דער שליח פון קריג.

ברעג צו ברעג, היץ און הער, — אָנקל סעם אין סאַלוט!
שטייט אויף דזשינגאָ — יאַפּאַנישער אָפּגאָט פון בלוט.

און ביים סאַאַר רירט זיך ווידער געשפּענסט אונטער דרערד,
קריכט פון הייל „אומבאַקאַנטער סאָלדאַט" מיט אַ שווערד.

קומט גערמאַנישער „הון" — מיט דעם קאָפּ פון אַ געץ,
און פראַנצויז, ווי אַ קראָט, קריכט דורך דראָטענער נעץ.

און מיט פליגלען צעשפּרייט, בייזער אָנזאָג פון טויט,
פליט בריטאַניען אום אין א שטאָלענער הויט.

און מיט שד־שוואַרצן העמד, מיט אַ צלם אין האַנט,
פויזעט אום אַ פאַשיסט ביי דעם רוימישן ראַנד.

מאַכן קברים זיך אויף, ווערן גלידער גאָר גאַנץ,
און מיט קנאַכן אוןביין אין ציק־צאַקיקן טאַנץ.

אָט געקריגט, אָט געטויט, — אין טראַנשעי און אין שטוב,
טראָגט זיך ווידער געיעג צו גהינומשער גרוב.

טראָגט זיך ווידער געיעג, ציט זיך פלאַמיקע צונג,
קאָכט אין קעסלען זיך סם, פרייכט מעטאַלענער לונג.

און אין לענדער צעשטויבט, דורך פאַרוועריטעטער גויט,
קריכן פויערים אום אַף די וועגן נאָך ברויט.

טראָגן רידלען מיט זיך, ליגן קברים אַ ריי,
טראָגן הערצער מיט זיך — אַ פאַרקלעמטן געשריי.

ניט קיין בייט, ניט קיין ברויט, — שיינען זונען אומזיסט,
ציען וואָלקנס פון ווייט, טראָגט זיך „קול פון דער וויסט".

קומט מיט וואָלקנס אַ ריז, שפריצט אים פייער פון קאָפּ,
און ער לאָזט אַף דער ערד זיך אַראָפּ.

אַ ליד צו סערגעי יעסענין

האָסט זיך געשאָלטן, און זיך גערופן: כוליגאַן!
געשפּיגן אַף לבנה און אַף זיך אַליין,
האָסט בענקשאַפט אומגעטראָגן, ווי אַ הונט אַ ביין;
און ליד האָסטו געצערטלט, ווי אַ פּרוי פון גאַס,
איך ווייס אַף מיר, דעם ייד, האָסטו געטראָגן בלינדן האַס,
האָסט ווילד פון לעבן זיך געריסן, ווי פערד פון שפּאַן, —
נאָר אין דיין ניגון האָסטו איינגעוועבט אַ פאָדעם רויט,
וואָס ציטערט, און פאַרבינדט דאָס לעבן מיטן טויט.

ס'איז מאָסקווע ווייט פון מיר, און ווייט דיין זיידנס פלויט,
און פרעמד דיין צלם, אויסגעקרימט אין שטורעמדיקן ריס,
איך הער ניט דאָס געלאַף פון דאָרפישן טאַבון,
נאָר נאָענט איז מיר דיין מאַמעלע, פאַרלאָרענע אין שניי,
פאַרטוליעטע אין אַלט־פאַרלאַטעטן שושון.
אין טעג צעשפּאָלטענע, ווי דו, צעריסענע אַף צוויי,
דערזע איך דיך מיט כוס אין האַנט, און לעצטן גוואַלד,
דערהער איך דאָס געוויין פון גוף, וואָס פאַלט.

ניו־יאָרק איז האַרט, קומט בויערי*) מיט טונקעלער געשטאַלט.
פאַרביי יאָגט מענטשן־שטראָם — אַ רוישנדיקער פלוס;

*) בויערי — ניו־יאָרקער הינטערגאַס — לאַגערן פון היימלאָזע.

אין בלײַאַסק פֿון הויטן אַלערלײ — מײַן אײגנקײט צערינט,
אין רויש פֿון פֿעלקערגאַנג — איך בלאָנדזשע אום און זוך ;
נאָר ווי איך עפֿן אויף דײַן בוך, צו דיר, פּאָעט, מײַן גרוס,
גיט בענקשאַפֿט שטעכיק מיר אַ ברי, ווי קראָפּעווע צעגרינט,
באַווײַזט זיך בריק, קומט מאַמעס בליק, און מאָדנע, איך, דער ייד
צעוויין זיך מיט דײַן ווײַטן, פּויערישן ליד.

אַ ליד וועגן לעצטע

וואו איך גיי נאָר — לעצטע מענטשן,
נאָר זיי שילטן, נאָר זיי בענטשן, —
מיט די קנייטשן מיט די פּליכעס,
גייען זיי אין גאָטס שליחות,
היינט — אַ קללה! — שלעכט צום שלעכטן,
בענטשן טעג פון ווייטן נעכטן, —
נאָר זיי קלייבן צוויט צו צוויטן,
קריכן אום אַהינטער פּלויטן.

קלאַפּן פּושקעס, קלינגען גלאָקן,
ווי זיי קריסטלען זיך און יידלען —
גייט אַ זקן נאָך אַ זקן,
מיט תכריכים און מיט רידלען.
אין די ציינער אויסגעריבן,
איז איין חלום בלויז געבליבן:
— גיב אונדז, גאָט, אין שווערע צייטן,
שיינע קבורה, ווי ביי לייטן...

לעצטע מענטשן, לעצטע האָרבעס!
ווי די בעטלער מיט די טאָרבעס,
בייטן זיי זיך מיט די זאָרגן:
— דו ווייַן היינט, און איכל — מאָרגן!

ציילן טראָפּנווייס די טרערן, —
שווער איז זען און שווער איז הערן,
ווי זיי קרימען זיך אין שראַמען:
— גראָב מיר אויס פון דרערד די מאַמען!

ווייטע יאָרן, אַלטער באָדן,
אויסגעלייטערטע אין פלאַמען!
אָנגעקוועלט און אָנגעלאָדן
גייען אויף איצט נייע שטאַמען.
אַלטע תפילות, אַלטער פרעפלען,
— צייט צום בליען, צייט צום וויאַנען,
דורך די דורכגעזונטע נעפלען,
נייע וועגן, נייע שפּאַנען.

לעצטע מענטשן, לעצטע עדות, —
יאָגן זיי מיט לעצטע סודות,
טראָגן ברעקלעך צו באַהאַלטן,
שלעפּן צויטן פון דעם אַלטן, —
און פאַר זיך, ווי נאָך אַ טויטן,
קלאָגן זיי, וואָס נאָך ביים לעבן,
האָט דער מזל זיי געגעבן —
זיין פאַרוואָרפן הינטער פלויטן!...

אונטערגאַנג

אונטערגאַנג איז טראַגיש, אָפּטער נאָך, איז מיאוס —
דראַפּען זיך צו שפּיצן פון תּליות,
ליגן אָף דער ערד מיט צוגעמאַכטע וויעס,
און זאָגן נביאות.

בראַווע יונגען פון פריידיקן לאַנד,
שפּרונג איבער טרויער, ווי איבער אַ וואַנט, —
רונד אַרום אונדז מיט פרייד אין דער האַנט,
שמייסט אונדז מיט אייזערנע ריטער,
וואוטיקער, בלוטיקער, —
צעעפנט אונדזערע פאַרוואונדיקטע געמיטער.

אַז אומגליק קומט — איז, ווערט דאָס בלוט געצונדן!
נאָר באַלד קומט איינער שוין און גרויסט זיך מיט די וואונדן;
אַ צווייטער יאַכמערט: יידן, רחמנות, מיין לייב איז צעשונדן!
אַ דריטער קלאַפּט: — צדקה תּציל, — קונדן, קונדן!

אַז טרויער קומט — קומט באַלד אַמחנה וויכנע־דוואָשעס,
און יעדע גיט פרום ביים שוועל אַ זופּ פון קעלישיקל חלשות,
און מאַנצבילן צעכליפּען זיך אין מיטן פון שבתי־צביאישע דרשות.

מאַרש פון טרויער־פּאַיאַצן,
וואָס טראָגן זייערע אייגענע אָפּגעשניטענע קעפּ אָף זילבערנע טאַצן.

עי, צעווילדעוועטע יאַטן, צעהוליעטע ריטער,
אין לאַנד פון אומגליק איז אונדז אַוודאי ביטער,

אין לאַנד פון יאוש איז פינצטער, וויסט, געוויס!
דאָך קומט, אָט זענען מיר, נעמט און טרעט אונדז מיט די פיס,
שטראָפט אונדז מיט גליאיקע ריטער,
רייניקט אונדזערע געקרייציקטע געמיטער.

טרוים פון הויכע תליות,
סוד פון צוגעמאַכטע וויעס,
טרייסט פון זיסער־סמיקער נביאות,
אונטערגאַנג איז טראַגיש,
אָפטער נאָך — איז מיאוס.

פֿאָעטן, מײַנע ברידער

פּאָעטן, מיינע ברידער

אומרואיקע טעג,
וואָלקנס לויפן,
ס׳פּליען פּאָנען,
שטורעם!
שטורעם דורך די הויפן:
— הערשער, טראָגנען,
— אַראָפּזעצן, פאַרטרייבן! !

וואָס וועט העלפן, ערד און הימל,
אַז צווישן טליענדיקע רואינען,
מיט וויינענדיקע צימבלען,
די הויף־פּאָעטן בלייבן.

רויע גרונטן,
צערודערטע ראַסן,
אויפגעעפנט אַלע שפּונטן,
געדראַנג פון אַלע עקן,
געפלעכט,
געפעכט,
בלוט אַף פלעקן,
בלוט אַף פאַסן, —

וואָס וועט העלפֿן, ערד און הימל,
אַז אויף מאָסקעדיקע טאַצן,
הינטער רוישיקן געווימל,
שפּילן אַלץ נאָך די פּאַיאַצן.

לעצטע האַלעוועשקע,
קאַלטער, קאַלטער, —
לעצטער שפּור פֿון מיטלאַלטער,
לעצטער שילד און לעצטער טראָלד.
ווער צעבלאָזט דעם לעצטן פֿונק?
בוקט זיך דאָן־קיכאָטער יאָלד
מיט אַ פּרומען, פֿאַלשן וואונק,
מיט געוויינען אַלט־באַקאַנטע, —
אייניקל פֿון קאַטוילישן דאַנטע.

— אוי וויי, די הייליקע אימפּעריע ווערט פֿאַרשוואונדן!
— קום, דערלייזער, מיט די וואונדן!
— קומט מיט באַלזאַם, גוטע קונדן!

פּאַסטאָראַלע וויגעלע,
לעמעלע און ציגעלע,
אוצרדיקער קרעזוס,
צלמדיקער יעזוס.

שפּרונג דורך דורות,
שפּרונג דורך מוראס, —
בייט זיך ווידער דער ספּעקטאַקל,
צינדט זיך נייער פֿאַקל.
רעוואָלוציע!
נייער גאַנג,
פֿרישער ריס!
קומט נייער — „ביס!"

קומט אָן אין מאַרש
הויף־פּאָעט רויט, ווי אַ קאַרש.
(דער קעניג איז געקעפּט,
נאָר ער, הויף־פּאָעט, לעבט!)
איינס־צוויי, איינס־צוויי,
אין דער ריי, און אויס דער ריי,
מיט דער פֿאָן אַ פֿאַל, אַ שטרעק, —
אָט — פֿאָראויס, און אָט — ביים עק;
איז געווען ביי מלכּה אסתּר,
ווער ס'איז הערשער — איז דער בעסטער,
פּורים־שפּילערישע מיץ,
מיטן פֿידעלע אַ ריץ,
מיטן סמיטשיקל אַ שטופּ,
און מיטן פּיסעלע אַ טופּ:

— קום איך אַריין צושפּרינגען אַף אַ לידעלע לויז,
נעמט צו מיין שפּיל, און — וואַרפט מיך אַרויס!

אין מיטן טאָג,
אין מיטן נאַכט, —
די פּויק האָט געקראַכט,
דער טרומייט האָט געשאַלט,
געשריי ווי פון פינצטערן טרוים,
גערויש ווי אין פינצטערן וואַלד.

יאָגט אַ טראָט נאָך אַ טראָט, —
ס׳איז ניט וואַלד, נאָר ס׳איז שטאָט,
ס׳איז ניט טרוים, —
ס׳איז בערלין, און ס׳איז וויך, און ס׳איז רוים!
איבער ים, איבער צוים,
וויגט זיך נעץ פון פאַרשפּיציקטן דראָט,
קומט געשפּענסט,
קומט סאָלדאַט:
— וויוואַט!
קומט אַ שווערד, און ס׳קומט שפּיז,
באַווייזט זיך גזלנישער ריז,
אין האַנט אַ צעגליטע, צעשרפהטע רוט,
איין אויג נאָר אין קאָפּ,

פאַרלאָפן מיט בלוט.
און איידער נאָך ווען, און איידער נאָך וואָס,
דער הויף־פּאָעט הויבט שוין אָ כוס:

— האַר ווערט זיך אַנטפּלעקן!
— דאָס ביסטו מיין האַר!
— העלד ווערט קומען וועקן!
— דאָס ביסטו מיין העלד!
— וועלט פון אַלע עקן!
— דאָס ביסטו מיין וועלט!

און בלוטיקע טאַט, אַף פאַרקנעכטעטן אָרט,
ווערט טויזנטפאַך פאַרקנעכט דורך פאַרשווערכטן וואָרט.

אָ, פּאָעטן־זינגער, מיינע ברידער,
אָ, צער פון נידעריקסטן נידער!
ווי טוט מיר ווי פאַר אייך, פאַר אייער קלאַן,
פאַר אייער מזל, אייער סם,
פון דעם ווייטסטן שטאַם ביז היינט,
ווי מען האָט אייך טיף געפּיינט,
ווי מען האָט דורך נויט און קויט,
אייך געשלעפּט צום זומפּ פון טויט,
ווי מען האָט געשריי פון זיין,
איינגעצוימט אין הויט פון פיין,

און דעם אימפּעטיקן רוף
אײַנגעקלעמט אין פוילן גוף,
אָנגעטאָן סקעלעטן־צוואַנג,
אָף די פליגל פון געזאַנג;
ווי מען האָט אײַך בייז און שווער,
אויסגעפּוצט אין פעל פון בער,
און אין מאַסקע פון פּאַיאַץ,
מיט אַ קלימפּערדיקער טאַץ,
פאַלשער ציר און פאַלשע קרוין,
צוגעוואָרפן צום המון, —
אײַער גורל, אײַער לוין!

פעלקער, זיבעציק לשונות,
ברענג דעם ספר הזכרונות.

. . . און דער מלך קען ניט שלאָפן,
דער טויער איז פאַרמאַכט,
נאָר די ברעמען זענען אָפן...
די ברעמען — שטעכעדיקע דראָטן,
ציינער שטשעמען — קלאַפּן, איז פאַרבאָטן!...
שפּעט־געשפּענסטערדיקע נאַכט.
איז דעם מלך
גאָר ניט פרייליך.

גאָלד אין די שאַצן,
ווייבער אין פּאַלאַצן,
שאַרן זיך די ראַצן,
שאַרן זיך יעוונוכן,
זוכן, זוכן, —
ווער עס זוכט — דער האָט געטראָפן...
קען דער מלך אַלץ ניט שלאָפן.

קומט געשפּענסט צו אים מיט קניקס:
— נאַ, דיר, קעניג, אָפּ דיין ביקס,
ס'גאַנצע לאַנד איז שוין פאַרלענדט!
און אַ שלאַנג — אַזוי געבלענדט. —
קריכט פון נאַכט מיט רויטער צונג;
און אָט זעט ער:
שפּרונג אויף שפּרונג,
יאָגט אַ בער מיט קרוין אויף קאָפּ,
און אַ שאָטנדיקע האַנט —
שרייבט מיט פייער אויף אַ וואַנט.
פאַלט די האַנט אויף אים אַראָפּ.
ווערט דער חושך דיקער־דיק,
שטיקט אין האַלדז אים — שטיק און שטיק...

אָ, הויף־פּאָעט, מיט עפּאָלעט,
מיט ניגעלע — מיט ציגעלע,

מיט מעשהלע, מיט פּלעקעלע,
מיט כישופדיקן שטעקעלע, —
עס דאַרף דער מלך איצט דיין שפּיל,
שטיל אַיין אין קאָפּ ביי אים די שוואַרצע גריל!

מיט די גלעקעלעך
האָפּ, האָפּ,
ביז דער מלך —
כראָפּ נאָך כראָפּ.

פּעלקער, זיבעציק לשונות,
ברענג דעם ספר הזכרונות.

. . . גייט דער פּריסט אַף מאַרמאָר טרעפּ,
קומט מאָנאַך אין שוואַרצן קרעפּ.
שוואַרצע ליכט,
שוואַרצער שד, —
זילבער צלם,
רויטע האַק, —
גליט אַ טרער —
אויף „מוטערס" באַק ;
בלוט פאַרגליווערט,
טשוועקעס פיר, —
שוואַרצער, שווערער —
מאָנאַסטיר.

אָ, הויך־פּאָעט!
זינג אַ ליד און זינג אַ הימן,
גאָט אַלמעכטיקן צו רימן!
שפּרייט ווי ווײַרויך אַ געדוך,
וואַרף אַ צירקלדיקן שפּרוך,
אין געזאַלצנקייט פון טרער,
אין צעשרפהטן באַגער,
טונק דײַן צונג, און זינג צום האַר,
עס דאַרף איצט גאָט דײַן טיפן צער!

פעלקער, זיבעציק לשונות,
ברענג דעם ספר הזכרונות.

דורות, יאָרן, — לויפן, לויפן, —
דורכגעקראָכן אַלע הויפן,
טרובאַדורן, —
אויסגעוועזן ביי אַלע הורן,
מינעזינגער און זשאָנגלער,
נאָכגעטראָגן דאָס געווער,
נאָכגעקראָכן יעדן ראַנג,
און געקניט ביז צו דער ערד,
און געבוקט זיך מיט געזאַנג,
אָפּצולעקן בלוט פון שווערד;
קעפּ אַף מאַסקעדיקע טאַצן,
און געצימבלט ביז צום פּלאַצן.

אָפּגעהאַקט זיך הענט און פיס,
און מיט חניפהדיקן „ביס",
נאָכגעלאָפן, נאָכגעגעבן, — —
און פאַרכלינעט לייב און לעבן.

אַ, פּאָעטן, מיינע ברידער,
צער פון נידעריקסטן נידער, —
ווי טוט מיר ווי פאַר אייך,
פון דעם ווייטסטן לאַנד,
הוילער שטיין ביים גאַנגעס־טייך,
ביז דעם איצטערדיקן טאָג,
ציט זיך אייער שאַנד,
הערט זיך אייער קלאָג!
ווי עס רייסט זיך קוואַל פון טיף,
ליד פון שטומען הערגליף,
ווי דורך דזשאַנגל, ציש פון שלאַנג,
הונגער־בריל, אָראַנג־אוטאַנג, —
אויפגעגאַנגען איז געזאַנג!
ווי פון סווישטש פון פייער־קנוט,
אויפגעהעלט האָט קלאַנג פון בלוט,
און דורך שפּליטער פונם גוף,
אויפגעזונגען האָט אַ רוף,
איבער קויט, און איבער ברויט,
און פאַרצוקנדיקן טויט, —

איבער קנעכטישן געבעט, —
זינגער,
מיטגייער, —
פּאָעט!

אומרואיקע טעג, היינט, נעכטן, און אייערנעכטן.
אויפברויז, וואַקלעניש, המונישער געמיש.
המון שלעפּט מיט גערעכטן און אומגערעכטן,
אין שעה פון טאָגן, פּלוצלונג בליץ פון ווייטער פינצטערניש!

ציטערן פון ערד, חורבן, קאַמף פון עלעמענטן,
אויפלויכט, ראַנגלעניש, געבורט פון ערשטער וואָר, —
און ווי אַמאָל, אין תוהו דעם צעברענטן,
לעבט דורך דעם אורשפּרונג ווידער אונדזער אויסגעפּרואוווטער דור.

פינצטערניש, אין שפּרינגיקע געלאָפן,
אויפברוך פון המון ביים צוים פון לעצטן אָרט.
אין טעג פון אויסגעשריי, אין טראַגיק פון באַשאַפן,
קום דו, פּאָעט, אין ערשטיקייט, אין ליכטיקייט פון וואָרט!

אויפשטאַנד, מאָנונג! רייניקונג פון אַלע הויטן!
הייטערונג פון קלאַנג און זון אין יעדן אות.
קום דו, פּאָעט, אין גאַנג דורך אַלע טויטן
מיט ליד געלייטערטן, מיט ליד באַפרייטן, —
אַרויסצוקריכן פון כאַאָס!

פון פרעמדע קוואַלן

(צוויי לידער פון סערגעי יעסענין)

דער וועג

1

אין דעם לאַנד פון אויסגעקרימטע פּלויטן,
קראָפּיווע און טאָרף, —
וואו צו ווערבעס האָט זיך צוגעטוליעט —
יתומדיקער דאָרף.

דאָרט, דורך פעלדער, הינטער בלאָ פון קוסטעס,
ביי דעם וואַסער־גרין —
קריכט אַ וועג דורך זאַמדן ביז סיביריען,
ביז די בערג אַהין!

האָט געוואַגט, און ביז מאָרדוואַ און טשודא
איז פאַרגאַנגען רוס!
גייען מענטשן אַפן וועג, געשמידטע,
שלעפּן פוס נאָך פוס.

גייען, גייען מערדער, צי גנבים,
ווי ס'איז זיי באַשערט,
האָב איך ליב גאָר זייער בליק פון אומעט,
באַקן אָפּגעצערט.

צופיל בייז ברעכט אויס פון פרייד ביי מערדער,
האַרץ איז פראָסט און הויל,
נאָר דורך שוואַרצע פּנימער עס קרימט זיך
אַזאַ בלאָ ביים מויל.

אײן געדאַנק באַהאַלט איך און איך צערטל,
כ׳בין אין האַרצן רײן!
נאָר אויך איך װעל האַרבסטיק װען צעשנײדן,
עמיצן ביז בײן.

װעט מען מיך אַזױ דורך זאַמדן נעמען
אין דעם װעג אַרײן,
מיט אַ קנופּ אַף האַלדז — אין ענגע קלעמען,
ליב צו האָבן פּײן.

און װען איך װעל שטאָלצן שמײכל װעקן —
שפּרײזנדיק אָן שרעק,
װעט דער שטורעם מיט זײן צונג פאַרלעקן
מײן פאַרלעבטן װעג.

דער קאָטער

2

וויפיל קעץ זענען דאָ אַף דער וועלט,
ניט צום ציילן — קיין צאָל איז ניטאָ.
שפּרייט זיך ריח פון פרישינקע אַרבעס,
קלינגט אַ שטערן פון רוימיקן בלאָ.

איז דאָס וואָר, איז דאָס טרוים, איז דאָס בענקשאַפט?
קומט דער ווייטער אַמאָל אַלץ צוריק.
אויפן אויוון ליגט קאָטערל, מורקעט,
שפּיזט זיך גלייכגילט אַזוי פון זיין בליק.

איך בין דאַן נאָך געווען אַזוי יונג,
נאָר פון באָבישן ניגון און קוק,
ווי אַ טיגער גיט קאָטער אַ שפּרונג,
אַפן קניילכל, אַף דער ערד, ווי צום צוק.

אַלץ אַוועק, כ׳האָב די באָבען פאַרלאָרן,
נאָר דערנאָך — לויפט די צייט אין גאַלאָפּ,
איז פון קאָטער — אַ היטל געוואָרן,
און אַרויף אַפן זיידישן קאָפּ.

מיין געשטאַלט

(אַ ליד פון לעאָנארע ספעיער)

אָ, הימל, מעסט אָפּ מיין געשטאַלט,
און זאָג מיר, אַז איך מיט געזאַנג
קום נענטער אַהין, צו די שטערן,
בין קליין דאָך געווען אַזוי לאַנג!

אָ, ווינט, נעם באַוועג מיך, און וועג, —
וואָס זאָגט דיין צעווילדעטע וואָג?
דעם רעוועך פון פיין, און די פרייד פון אַ וואָרט,
איז אַלץ וואָס איך האָב און פאַרמאָג.

האָריזאָנט, שטרעק זיך אויס!
און אַ צי צו דער וויַיט — דיין געשאַנק!
אָ, ראַנד פון דער וועלט,
צעברייטער מיין בליק מיט געדאַנק.

זיי, הימל, מיין ענדלאָזע טיף,
דו, ווינט, זיי מיין הויך און מיין ברייט, —
אָ, וועלט, זיי דער שטח פון האַרץ,
און בענקשאַפט — מיין פליגל צעשפּרייט!

י ש ר א ל

(צוויי לידער פון וויליאַם עלערי לעאָנאַרד)

1

זינגער פון הימנען, וואָס האָט ביים סיני־באַרג געהערט,
דאָס פייער־קול, טרומפּייט, און אייביקן געבאָט;
בויער פון טעמפּלען, וואָס האָט באַגין געזען, ווי גאָט,
פון ציונס באַרג שלאָגט געצנדינער מיט זיין שווערד;
פליט פון ראַסן, וואָס היט יאָרהונדערטער, פון שרעק גענערט,
דיין שבת אָן באַלוינונג, דיינע יום־טובים אָן אַ שכר!
אויף וואָגלער־בעט פון שטרוי, דו, זיגער איבער צער,
קום אַריין צו אונדז, ישראל, דו, קינד, פון גרויסן האַר!

דאָ מיט דורותדיקן רוף, ביים פעלקער־ים,
די שטערן גריסן דיך און שיינען שלומדיק און שיין.
דאָ הענגט דער רעגנבויגן־בונד, און פאַרכטיק, פריי
דאָ וואַרטן דיינע בערג. — קום, און פיל אונדז אָן מיט קדושה־פלאַם!
מיר האָבן אַ וואָרט צו זאָגן, און אַן עבודה לויטער־ריין,
אויב דו זאָלסט אונדזער זעל, ווי דיין, נאָר הייליקן אויפסניי.

דער בעטלער

2

ווען די שיפן קראַכן, און טורעמס פאַלן אין שפּאָט, —
דאַן לויפט נאָך מענטשן נאָך, דורך פעלד און דורך שטאָט,
אַ מאָגנענדיקער בעטלער אין אַ סירישן קלייד.
ער דערציילט און ער זינגט פון זיין בלייכער לייד.
און ער יאָגט זיך צום מאַרק און צום קירכע־וועג,
ביי די וועגענער, האָפּנס, פון ברעג צו ברעג.
— אַ פּ ע נ י, אַ פּ ע נ י, — און ער וויינט אויס זיין פּיין,
איבער מיליאָנען מייל פון דעם רעלסן־שיין.
און די הייזער פון לענדער, ווי געשטעלט אין איין ריי,
די וועכטער פון קראָמען האַלטן איין דאָס געשריי.
און דער טויער פון באַנק עפנט ברייט זיך און גאַנץ,
און ער קומט און ער דרינגט דורך בלומען און טאַנץ...

איך האָב אים איינמאָל געזען אויף טראַפאַלגער סקוועער,
דערנאָך אין לעמאָס, און ער יאָגט אויך אַהער.

כאָטש ער האָט ניט קיין קוליע, און קיין בלינדע טרער,
דאָך וואָלט יעדער געטרויערט, ווען ער בעטלט ניט מער.
ווי ער שטרעקט דאָס זיין האַנט, און זיין ליד אַזוי אַלט:
— מיינע קינדער... הונגעריקע... מיינע קינדער... קאַלט.

ווען די דאַמבע פּלאַצט, און דער טייך פליסט מיט רויט,
און די ערד זיך צעשפּאַלט, און דער וואַלד ברענט מיט טויט,
און קאַנאָן־שיסעריי אַ פאַר׳שרפה׳ונג צעשפּרייט, —

הער די קלאָג פון דעם בעטלער אין דעם גליל'ער קלייד.
ווייל נאָך שטאַרקער פון קנאַל איז דאָס ליד פון זיין לייד.

ווי ער כאַפּט אייך מיט האַנט, און מיט ליד אַזוי אַלט:
— מיינע קינדער... הונגעריקע, מיינע קינדער... קאַלט.

כ'האָב אים לעצטנס געזען אויף בראָדוויי, אין אַ האַסט,
וואו דאַך־צייכנס ברענען אויף ראַנד און אויף מאַסט.

ב ט ח ו ן

(פון דזשאַהן גולד פלעטשער)

פינצטערע כמאַרעס רוקן זיך אויף מיר, און יעדער וועג ווערט
מיר פאַרשטעלט;
נאָר ניט דער וועג צו מערב, וואו גרויסער טויט פון זון איז איצט צעברענט,
איך שרעק זיך ניט פאַר די וואָלקנס, און ניט פאַר טאָג, וואָס
ווערט פאַרלענדט,
מיין האַרץ קלאַפּט פול און שטאַרק, מיט יעדן אָטעם־צוג בטחון קוועלט, —
בטחון אין יענעם טייל, וואָס איז ניט מיין, נאָר איז געגעבן מיר צום נוץ;
דער טייל וועט ווייטער לעבן, מעגן זונען פאַלן אין פינצטערניש געדיכט,—
בטחון אין דער ליבע, וואָס הערשט אַריבער אַלץ; און כאָטש
איך פאַל אָן שוץ,
דאָך וועל איך אייביק זיין, ווייל כ'האָב זיך אָנגעהאַלטן אָן דעם
גרויסן ליכט.

דער שוואַן און די גאַנדז

(פון עזאָפּס פאַבלען)

אַ רייכער מאַן האָט זיך געקויפט אין איין גאַנג,
אַ גאַנדז פאַר איר שמאַלץ, און אַ שוואַן — פאַר געזאַנג.
ביינאַכט האָט זיין קוכער געזוכט און געטאַפּט,
אַנשטאָט פעטע גאַנדז, האָט ער שוואַן גאָר געכאַפּט.
אַ פליק, און די האַלדז אָט צעשניידט ער אויף צוויי, —
ערשט ער הערט אונטער חלף אַ לירישן וויי...
דער תם האָט זיין טעות דערקענט אין צייט,
און צעשראָקענעם שוואַן פון טויט באַפרייט.

אַזוי ווי איר זעט, און דאָס איז ניט קיין וויץ,
אפילו אַ ליד קומט אַמאָל אויך צוניץ.

דאָס פאַרלאָרענע שיכל

(פון וואלטער דע־לאַ מאר)

קליינינקע לוסי,
מיט קליידל און קראַנץ,
האָט פאַרלאָרן אַ שיכל, —
אַ שיכל אין טאַנץ.
וואָס האָט געטראָפן ?
וואָס קען דאָ פאָרט זיין ?
איז איר שיכל אַוועק, —
ווי ב׳וואַסער אַריין.
ליידיקע טרעפּ,
איז ליידיק דער זאַל,
גיט זי שפּרונג צו דעם בוים,
אַ קוק אינם קוואַל.
הינערשטייג, נאָרע,
און טייבעלע — קור,
צו דער קו און צו לאַנקע,
ניטאָ איז קיין שפּור.
סטעזשקע און וואַלד,
אַ זוך און אַ זוך,
נאָר ניטאָ און ניטאָ,
ניטאָ איז דער שוך !
העזעלע, פויגל,
לבנה אַליין —

קיינער ווייס ניט דעם סוד,
מען ווייס ניט דעם מיין
האָט מען גערופן
אַף יעטווידער שפּראַך,
האָבן מענטשן געענטפערט:
— עי, לאָזט אונדז געמאַך.
גריכיש און טערקיש,
און רוסיש און דייטש —
ווי אַ חלום־געשפּענסט,
קיינער ווייס ניט דעם טייטש.
רווישיקער ים,
עס טראָגט זיך אַ שיף,
קיינער ברענגט ניט קיין גרוס,
פון פינצטערער טיף.
שפּרינגט זי און וואַנדערט,
אין שניי און אין זאַמד,
דורך געוויטער און פראָסט,
פון לאַנד צו אַ לאַנד.
אַפריקע, שפּאַניען,
און באַמבוק־יאַפּאַן,
פּערנאַמבוקא און רוים,
מאַלאַי, הינדוסטאַן.
פלייגען און מדבר,
וואו־וואו, און וואו־וואו?
קומט כינעזישער טיי,

און גאָלד פון פערו, —
קליינינקע לוסי,
פאַרוועלקט איז איר קראַנץ,
אין געיעג און אין פלי,
נאָכן שיכל פון טאַנץ.
וועלדער און פעלזן,
אומזיסט איז איר זוך;
איז פאַרשוואונדן, אַוועק —
און ניטאָ איז איר שוך.

אַ מעשה׳לע

אַ שטאַל

שטייט אַ שטאַל אין מיטן פעלד,
און אין שטאַל אַ קו —
— מו!
וויל זי עסן — מו,
וויל זי טרינקען — מו,
וויל זי קעלבל — מו,
ניט קיין אַנדער זאַך, נאָר — מו,
שטייט אין שטאַל אַ קו.

האָט די שטאַל אַ בוידעמל,
וואָרקעט אין דער הויך אַ טויב,
— קור!
וויל זי שלאָפן, — קור,
וויל זי אויפשטיין — קור,
וויל זי פליען — קור,
ניט קיין אַנדער זאַך, נאָר — קור.
אויבן — קור, און אונטן — מו,
שטאַל און טויב און קו.

האָט דאָס בוידעמל אַ דאַך,
זיצט אַ פויגל ביי אַ נעסט,
— ציף!

ווילט זי זיפּצן — ציף,
ווילט זי זינגען — ציף,
ווילט זי וויינען — ציף,
ניט קיין אַנדער זאַך, נאָר — ציף,
ציף און קור, און מו,
פויגל, טויב און קו.

קומט די נאַכט אין מיטן פעלד,
שטייט די שטאַל אין מיטן נאַכט,
שטייט פאַרמאַכט און צו.
און דאָס פויגל וועקט זיך — ציף,
און די טויב, זי וואָרקעט — קור,
און די קו, די גרויסע קו,
אייביק מו, און מו, און מו.

אַ מעשהלע

מיין מירעלען

אין הימל שווימט אַ וואָלקנדל,
אַ וואָלקנדל אָן רו, —
יע וואָלקנדל, ניט וואָלקנדל,
דאָס איז דאָך בלויז אַ מעשהלע,
אַ ציגעלע אַ ווייסעלע,
דאָס וואָלקנדל ביסטו.

פון הימל פאַלט אַ רעגנדל,
עס מאַכט דער טאָג זיך צו,
יע רעגנדל, ניט רעגנדל,
דאָס איז דאָך בלויז אַ מעשהלע,
אַ ציגעלע אַ ווייסעלע,
דאָס רעגנדל ביסטו.

עס שלאָפט אין פעלד אַ זאַנגעלע,
אַ זאַנגעלע לו־לו, —
יע זאַנגעלע, ניט זאַנגעלע,
דאָס איז דאָך בלויז אַ מעשהלע,
אַ ציגעלע אַ ווייסעלע,
דאָס זאַנגעלע ביסטו.

אַ מיל, אַ מיל, אַ מילכעלע,
און פליגלען פיר — זשו־זשו, —
יע מילכעלע, ניט מילכעלע,
דאָס איז דאָך בלויז אַ מעשהלע,
אַ ציגעלע אַ ווייסעלע,
דאָס מילכעלע ביסטו.

אַ וואָלקנדל, אַ רעגנדל,
אָ, מאַך די אויגן צו, —
ניט וואָלקנדל, ניט רעגנדל,
ניט זאַנגעלע, ניט מילכעלע,
ניט ציגעלע, ניט וויסעלע,
ניט וויסעלע, ניט מעשהלע,
מיין מיידעלע ביסטו.

די באַן

אַף די רעלסן, שטאָל און אײַזן,
װעט זיך באַלד אַ באַן באַװײַזן.

הײסער אָטעם, שװערער פּראַכן, —
ניט צום װײנען, ניט צום לאַכן.

ניט קײן װעלף און ניט קײן בערן,
קומען שטיבער איבערקערן.

ניט קײן שדים — נישט געשטױגן,
ס'קומט די באַן אַזױ געפלױגן.

ראָד נאָך ראָד — און ניט באַזונדער!
אָך, דו װאונדער, ליבער װאונדער.

הױך און שטאַרק, און רױך פון אױבן,
און מיט מענטשן בײַ די שױבן.

װער און װאָס? די אױגן קוקן,
קוקן, קוקן און — פאַרטוקן.

ניט קײן בלינדער, ניט קײן טױבער,
ס'קומט ניט קײן פאַרשטעלטער רױבער.

אין דעם דאָרף מיט זיבן דעכער,
דרײַ מיט לאַטעס, פיר מיט לעכער,

איז געוועז און איז געבליבן, —
שפּעטער האַרבסט מיט שפּעטע ריבן,

שפּעטער קאָרן, ניט געשניטן,
מיט אַ קרענעצע אינמיטן.

מיט אַ קאַץ, וואָס — פּינטל־פּינטל,
שפּילט אין זשמורקעס מיטן הינטל.

מיט אַ קו, און מיט אַן אייטער, —
נאָר די באַן זי טראָגט זיך ווייטער.

יאָגט און שפּריצט מיט פייער־פונקען,
איבער שטעטעלעך פאַרזונקען,

איבער זומפּן — ניט צום רוען,
מיט אַ רופנדיקן „טרו״—ען...

הייסער אָטעם, שווערער פּראַכן,
מיט דעם הילך פון פרייע שליאַכן.

שווינדן, קייקלען זיך דערשראָקן
אָקן־באָקן, קלויסטער־גלאָקן.

שווינדט אַ פעלד אין דריי פון ווינטן,
פאַלט אַ וואַלד אַזוי אַף הינטן;

שפּרינגען סלופּעס איבער צוימען,
קוימען־קוימען, שווינדן טרוימען...

דורך די בערג און דורך טונעלן, —
דאָ וועט זיך די באַן ניט שטעלן.

ווייטער־ווייט, אין ריס פון איילן,
צו דעם לעצטן פונקט פון מיילן.

צו דער לעצטער שטאָט — וואו ימען,
קומען אַלע זיך צוזאַמען.

וואו געגאָסן און געפורעמט,
שטייען אַלע ווענט געטורעמט.

טרעפ אַף טרעפ און שפּיץ אַף שפּיצן,
הויבן זיך צו הויך פון בליצן...

און אין נידער, אין די גאַסן,
שוואַרץ און ווייס — פון אַלע ראַסן,

בינדן זיך אין טריט מיליאָנען,
מיט געזאַנגען און מיט פאָנען.

גאַנג צום נאָענטן און ווייטן,
צו דער צייט פון אַלע צייטן.

הייסער אָטעם, טרוים אין וואַכן, —
לעצטער גרענעץ, סוף פון שליאַכן.

די מעשה פון דעם דאָרף או־הו

די ווייסע קו, די איינציקע קו,
פון ווייטן, פון אָרעמען דאָרף או־הו,
האָט מען געקוילעט אין מיטן דער נאַכט,
דערנאָך אַזאַ פריילעכע סעודה געמאַכט,
געטיילט זיך מיט פלייש — מיטן לעבער און לונג,
באַטעמט צעשניטן איר רויטלעכן צונג;
האָט מען געטרונקען, געטרונקען, געגעסן,
און אָן דעם אורח אין דאָרף ניט פאַרגעסן —
אויפגעגעסן די גאַנצע קו,
נאָר ניט איר מו.

און ס׳האָט זיך געטראָפן — איר ווייסט שוין וואו,
אין ווייטן, אין אָרעמען דאָרף או־הו,
יאַן מיט דער בייטש איז אַרויס אינם טאָל,
דערהערט ער דער ווינט טראָגט אַ קיאיש, קול;
הערט ער און שטוינט — מאַכט די אויגן זיך צו
ווי קען דאָ זיין מו, אַז ניטאָ איז קיין קו!
אָ, פאַסטוכל יאַן, אָ, פאַסטוכל יאַן,
עס זענען פיל נסים און וואונדער פאַראַן;
מען האָט אויפגעגעסן די גאַנצע קו,
נאָר ניט איר מו.

אַ זאַנגעלע שאָקלט זיך, וויגט זיך לו־לו,
אַזוי אויך דער אַלטיטשקער פאַן אין או־הו,
די יאָרן פאַרלאָפן, ווער ווייס זיי וואוהין?
נאָר, קינדער, צי הערט איר, צי בין איך ביים זין?

פון טײַכעלע טראָגט זיך אַ קיִאישער מו,
דער זקן שפּײַט אויס, צי שדים? — אַ טפו!
אָ, אַלטיטשקער פּאַן, אָ, אַלטיטשקער פּאַן,
ניט שרעק זיך, עס זענען קײן שדים פאַראַן —
מען האָט אויפגעגעסן די גאַנצע קו,
נאָר ניט איר מו.

דאָס קינד און די באָבע, איר ווײסט דאָך שוין וואו —
אין ווײַטן, אין אָרעמען דאָרף אור־הו.
די באָבע, זי שעפּטשעט און, וויקלט אַ קנויל,
דאָס אײניקל זיצט מיט אַן אָפענעם מויל.
אַ פליג קלאַפּט אין שויב און זי בעט זיך: זשו־זשו!
דערהערן זײ בײדע: מו־מו, און מו־מו.
די באָבע דערצײלט: — אין מיטן דער נאַכט,
האָט מען אַ פרײלעכע סעודה געמאַכט,
מען האָט אויפגעגעסן די גאַנצע קו,
נאָר ניט איר מו —
געבליבן איז מו.

אַפֿן שליטעלע

באַרג אַראָפּ, באַרג אַראָפּ,
גיט דאָס שליטל אַ גיי!
גיט אַ וואָרף זיך דער קאָפּ,
און — אַ לאָז דורכן שניי!

קלאַפּט דאָס האַרץ, פֿליט דער וועג
און ער שטעלט זיך ניט אָפּ —
אין דעם ווייסן געיעג,
באַרג אַראָפּ, באַרג אַראָפּ.

באַרג אַראָפּ, באַרג אַראָפּ,
אַף אַ שפּיגל פֿון גלאָז;
יאָגט דער פֿראָסט: האָפּ און האָפּ,
און ער צופּט דיר די נאָז,

ס'וועט קיין לויפֿנדע באַן,
ס'וועט קיין פֿערד אין גאַלאָפּ
ניט דעריאָגן דיך דאַן —
באַרג אַראָפּ, באַרג אַראָפּ.

באַרג אַראָפּ, באַרג אַראָפּ,
— גיב אַ שנייד אינם שניי!

קומט אַ צווייטער ביים זייט,
— היט זיך, היט! גיב אַ דריי!

באַרג אַראָפּ, באַרג אַראָפּ,
מיט אַ הילכיקן קול,
צו דער ליכטיקער ווייט,
צו דעם ליכטיקן טאָל!

אבו הוסאן

ער איז געווען, ער איז נאָך דאָ,
אין יעדן לאַנד איז ער פאַראַן, —
אין מיטן טאָג, אין מיטן שעה:
אבו הוסאן! *)

גיי, גזלן, אין דיין רו אַריין,
ניטאָ שוין מער דיין כישוף־שפרונג.
ער שפריצט פון אויג מיט פרעכן שיין,
און ס'רינט מיט גאַווער בייזע פלוך.

ער איז געווען, ער איז נאָך דאָ,
כאָטש טויט איז לאַנג דער קאַראַוואַן.
אַ באָרד פון רויט, אַ באָרד פון בלאָ, —
אבו הוסאן.

גיי, גזלן, אין דיין שוואַרצע הייל,
סעזאַמע איז דיין קבר־שטיין.
ער רייסט די מאַסקע באַקעט־הויל,
און שלעפט אַ מעסער פון די ציין.

ער איז געווען, ער איז נאָך דאָ,
אין מיטן טאָג, אין מיטן שפאַן,
אַ העמד פון שוואַרץ, אַ העמד פון גראָ,
אַבו הוסאן.

---

*) אבו הוסאן — הויפטלינג פון די לעגענדאַרישע פערציק גזלנים.

גיי, גזלן, ס'איז דיין סוד אַנטפּלעקט,
דיין הייל אַף אייביק איז פאַרמאַכט.
קינזשאַל בליצט אויף, און האַנט זיך שטרעקט,
אַ קול פון „טויזנט און איין נאַכט".

ער איז געווען, ער איז נאָך דאָ,
כאָטש לויז איז דער געקייטער מאַן.
אין מיטן גאַס — אַ שווערע טלאָ,
אַבו הוסאַן.

אָ, קום צוגיין, דו אָרעמאַן,
מיט ווערטער צוויי, מיט פּראָסטן מוט,
קום, אַלי־באבא, איצט, ווי דאַן,
אַנטפּלעק פאַר אונדז די הייל פון בלוט.

אויך דו ביסט דאָ — שטרעק אויס די הענט,
צעשפּרייט דיין נעץ, פאַרשפּרייט דיין שפּאַן,
און ס'ווערט אין אייביקייט פאַרלענדט —
אַבו הוסאַן.

גייט אַ ייִנגעלע אַרויס אין פעלד

גייט אַ ייִנגעלע אין פרימאָרגן, אין פעלד אַרויס,
קומט אַנטקעגן אים אַ קו.
מאַכט די קו:
— גוט־מאָרגן!

גיט דאָס ייִנגעלע אַ זאָג:
— אַזאַ וואונדער, אַזאַ טאָג,
אַז די קו, די גרויסע קו,
וואָס זי זאָגט נאָר מו—און—מו,
זאָל גאָר פּלוצים קומען היינט,
מיט „גוט־מאָרגן", ווי אַ פריינט!

גיט די קו אַ שטילן מו,
און זי זאָגט: — דו, ייִנגל, דו,
אַז איך גיי אין פעלד און גיי,
קיי די גראָז און קיי די היי,
שלעפּ זיך אום מיט מידע פיס,
ברענג דיר מילך — אי פעט, אי זיס —
אָט דערפאַר. גוט־מאָרגן!

זאָגט דאָס ייִנגל:

— יאָ, מיין קו, דו ביסט גערעכט,
איך בין נאַריש, איך בין שלעכט,
גוט־מאָרגן, קו,
גוט־מאָרגן!

גייט אַ ייִנגעלע אין מיטן טאָג אין פעלד אַרויס,
קומט אַנטקעגן אים אַ פערד,
מאַכט דער פערד:
— גוט־העלף!

לאַכט דאָס ייִנגל: — זייגער צוועלף,
דאַרף מען גריסן זיך: גוט־העלף!
אָבער דו, דו גרויסער פערד,
דו דאַרפסט קוקן צו דער ערד;
ווי־זשע ווערסטו פלוצלונג, הײַנט,
מיר אַזאַ מין גאָענטער פרײַנט?

גיט דער פערד אַזוי אַ בלאָז,
מיט זײַן לעכערדיקן נאָז:
— יאָ, איך ווייס, איך בין אַ פערד,
גיי געבויגן צו דער ערד,
ווײַל איך אַקער, שלעפּ און פיר,
שטיינער, האָלץ און ברויט פאַר דיר,
אָט דערפאַר — גוט־העלף!

זאָגט דאָס ייִנגל:

— יאָ, מײַן פערד, דו ביסט גערעכט,
איך בין נאַריש, איך בין שלעכט,
גוט־העלף, דיר, פערד,
גוט־העלף!

גייט אַ ייִנגעלע אין פעלד אַרויס פאַרנאַכט,
קומט אַנטקעגן אים אַ קאַץ,
מאַכט די קאַץ:
— גוט־נ׳אָוונט!

לאַכט דאָס ייִנגל — קייך און קייך:
— וואָס? אויך דו ביסט צו מיר גלייך?
טראָג זיך אָפּ, דו פאַלשע קאַץ,
דו האָסט נעגל פאַר אַ קראַץ,
דו דאַרפסט וויינען: מיאַ און מיאַ,
מיאַ־און־מיאַ — און ווייטער — שאַ!

גיט די קאַץ אַ שטילן מיאַ,
און זי גיט אַ זאָג אַזאַ:
— אין דער נאַכט אין פינצטערן הויז,
קומט די פּרעסערקע, די מויז,
שלאָפט די שוועל, עס שלאָפט דער דאַך,
איך נאָר איינע ליג און וואַך,
אָט דערפאַר — גוט־נ׳אָוונט!

זאָגט דאָס ייִנגל:

יאָ, מיין קאַץ, דו ביסט גערעכט,
איך בין נאַריש, איך בין שלעכט,
גוט־נ׳אָוונט, קאַץ!
גוט־נ׳אָוונט!

גייט שוין יינגעלע פון פעלד אַהיים ביינאַכט,
קומט אַנטקעגן אים אַ הונט,
מאַכט דער הונט:
— אַ גוטע נאַכט!

לאַכט דאָס יינגל: — ווי אַ מענטש,
גריסט דער הונט זיך און ער בענטשט!
אַזאַ מאָדנער טאָג איז היינט,
יעדערער וויל זיין מיין פריינט.
ביסט אַ הונט, קודלאַטער קאָפּ,
גיי און בילּ, און לאָז מיך אָפּ.

גיט דער הונט אַ האָוו און רעדט:
— אין דער נאַכט, אין שפּעטער שפּעט,
ליג איך ביי דעם צוים און היט,
הער איך גאַנג פון ווייטסטע טריט,
טרעפט איך בילּ צום הימל בלוי,
ווייל ס'איז אומעטיק אַזוי —
אָט דערפאַר — אַ גוטע נאַכט!

זאָגט דאָס יינגל:

יאָ, מיין הונט, דו ביסט גערעכט,
איך בין נאַריש, איך בין שלעכט.
אַ גוטע נאַכט, דיר, הונט,
אַ גוטע נאַכט!

אין יענעם טאָג —
האָט עטוואָס אין זיין האַרצן אויפגעהעלט.
ווען יינגעלע איז ווידער אַרויס אין פעלד,
צי ער האָט אין דער הויך געזען אַ שוועלבעלע,
צי ער האָט אין דער נידער געזען אַ קעלבעלע,
צי מענטש אַף דער ערד,
צי אַ קו, צי אַ פערד,
צי פיש אין טייך,
האָט ער הויך אַריינגעשריען אין דעם אָפענעם טאָג,
— גוט מאָרגן!
גוט מאָרגן, אַייך!
און אָפגעקלונגען האָט עס אַריבער באַרג און טאָל —
מיט אַ ליכטיקן קול:
— גוט מאָרגן, אייך!
— גוט מאָרגן, וועלט!
— גוט מאָרגן!

אין צירק

ווי אַ קאַץ —
אַזוי פֿלינק,
אַזוי גרינג —
פון אַ שטריק,
צו אַ שטריק,
אָט גאָר הויך —
אָט צוריק!
אַפן אָרם אַ טאַץ,
אָט אַ שפרונג,
אָט אַ קלונג,
דזשיז און דזשעז,
ביז צום העכסטן —
טראַפּעז!
— באַץ!
ניט אַראָפּ,
נאָר אַרוף. —
ווי אַ שפין,
וועבט אַהער,
וועבט אַהין, —
גיט דער גוף,
זיך אַ וויג,
אין דער טיף,
אין דער ברייט, —
אין אַ ראָד,
זיך פֿאַרדרייט,

*) וואַריאַציע אויף אַ מאָטיוו פון מיינס אַ פריערדיקן ליד.

ווי אַ שלאַנג,
זיך צעלאָזט,
אַזוי בויגיק און לאַנג;
גיט זיך פלוצלונג —
אַ ריס,
וויגט און שווינגט,
מיט די פיס,
אין דער לענג,
אין דער ברייט.
מיטאַמאָל:
— בינג און בענג!
— האָפּ און האָפּ!
מיט אַ ריץ,
און געקוויטש;
קאָפּ אַראָפּ,
קאָפּ אַראָפּ!
גיט אַ קנאַל,
גיט אַ בליץ —
— איז עס פאַל
צו זיין טויט?...
— טויט?!
פינקלען אויגן —
און ציין,
ניין, און ניין!
ניט צום טויט,
ניט צום טויט!

שטייט אַן עלעפאַנט גרייט,
ווי אַ מויער פון שטיין;

שטייט ער פעסט,
שטייט ער שטאַרק,
פאַלט ער שטאָלץ —
אַף זיין קאַרק, —
גיט מיט טאַץ אים אַ שטורך,
און מיט וואונק,
און געקלונג,
און מיט מאַסקע צעשפּרייט, —
דורכן טויער אַדורך!!

לעגענדע

אַ מעשה וועגן דעם מלאך פון סדום

ער האָט אַליין אונטערגעלייגט פייער צו די ווענט,
און ווערט אין דעם אייגענעם פייער פאַרברענט.

קיינער האָט ניט צעלייגט פאַר אים די עקדה,
ער און דאָס פייער — זיי ביידע.

ביי דעם קרייץ פון די שליאַכן, וואו וועגן פון ווייט ניט־דערקאָנטער,
זענען געלעגן אַזוי ווי אַ קנופּ אין אַ פּלאָנטער.

ביי אַ שטאָט, וואו די שרעק פאַר די הימלישע שטראָפן,
איז געגאַנגען פאַראויס מיט מלאכים און שרפים,

איז געשטאַנען אַ חורבה מיט שימל און שמאַטעס,
זענען געלעגן בעטלער — די מענטשלעכע לאַטעס.

די לעצטע מענטשן, די לעצטע טאַרבעס,
און געמאָסטן ביי וועמען זענען גרעסער די האָרבעס.

און געציילט די מתים, און געציילט די פּלאָגן, —
בעטלערשע רוקנס קענען בערג גאַנצע טראָגן.

און פון יעדערנס אויג האָט געטריפט אַזאַ סם,
און ביי יעדן דאָס מויל, ווי אַ גיפטיקער שראַם.

איז געקומען, ווי שטייט דאָרט אין פסוק: בבוקר!
אַ מענטש אָן אַ קוליע, אַ מענטש אָן אַ הויקער.

מיט בלוי אין די אויגן, ווי בלוי פונם הימל,
געזאָגט צו די בעטלער: וואָס ליגט איר אין שימל?

די ערד ליגט אין רחבות, גאָטס וועלט איז דאָך אָפן,
אין מזרח, אין מערב, אין דרום, אין צפון.

גאָטס וועלט איז דאָך פול, ווי געזאַמלטער שייער,
אַוועק זאָל די חורבה מיט רויך און מיט פייער.

געזאָגט האָט דער מענטש, און פון הינטן געהאַלטן,
צוויי מלאכ׳שע פליגל באַהאַלטן.

אַ מלאך, וואָס האָט זיך געטאָן דאָרט פאַרזאַמען,
זייט סדום איז אַוועק אין די שוועבלשע פלאַמען.

אַ מלאך פון אומקום, פון בשורה פון פייער,
אין חורבן — אַ שליח, אין בוי — אַ באַנייער.

האָבן אַלע, די לאָמע, די בלינדע, די קרומע,
ווי בינען אַ מחנה זיך זשור־זשוק צעזשומעט.

געקנוילט זיך אין דרייען, געקנוילט זיך אין צענען,
געקלאַפּט מיט די קוליעס: פאַרברענען! פאַרברענען!

נאָר אַז דער מענטש האָט דעם פייער צעצונדן,
האָט איינער אַ מצורע מיט קנאָכיקע וואונדן,

אַ שטשירע געטאָן מיט די שפּיציקע גלידער,
און ווילד זיך צעשריען: אוי, ראַטעוועט, ברידער.

— אַ גזלן פֿאַרשטעלטער פֿון פֿינצטערע היילן,
ער נעמט און פֿאַרברענט אונדז די לעצטע פֿיר איילן.

איז ווי נאָר געזאָגט האָט דאָס אַלץ דער מצורע,
אַרויף איז אויף בעטלער־המון אַזאַ מורא:

— עי, ברידער, געכאַפּט אים! צי זייט איר ביים זינען?
— ניט לאָזט אים, דעם גזלן, פֿון דאַנען אַנטרינען!

און ס׳האָט זיך צעפֿלאַקערט אַ שיפּן, אַ העשן:
עי, ברידער, פֿאַרלעשן! פֿאַרלעשן! פֿאַרלעשן!

אַזוי ווי די צווייגן אין ריס פֿון די ווינטן,
האָבן בעטלער צעוויגט זיך — פֿאָראויס און אויף הינטן.

די לאָמע, די בלינדע, די הינקעדיק־קרומע,
אַ ווילדער המון אין אַ ווילדער מהומה.

נאָר ווי קען מען לעשן, אַז ווענט זענען טרוקן,
און צונגיקע פֿלאַמען, זיי צוקן און צוקן.

האָט צעהיצטער המון מיט צעברענטקייט פֿון סמען,
דעם פֿרעמדן געכאַפּט און געשלעפּט צו די פֿלאַמען.

אַ שטופּ, און דער פֿרעמדער מיט בלוי אין די אויגן,
געטראַכט האָט: אַמאָל איז אַ מלאך געפֿלויגן.

אָט וועל איך אַ צי טאָן די פֿליגל צו הויכן,
אַ שוועב איבער קעפּ, איבער פֿלאַמיקע רויכן.

נאָר פֿליגל — צו לאַנג אויף דער ערד דאָ געגאַנגען,
מיט מענטשלעכע תאוות, מיט קליינע פֿאַרלאַנגען.

די פֿליגל זיי קענען ניט פֿליען צום אויבן —
באַשוועררט און באַפֿלעקט פֿון די מענטשלעכע שטויבן.

אַ וואָרף, און דער פֿרעמדער, ניט מלאך, נאָר בשר־ודם,
איז אַריין אין די פֿלאַמען, אין גיהנומשן תהום.

געמורמלט צום טויט: — כ׳האָב געצונדן די ווענט,
און ווער אין דעם אייגענעם פֿייער פֿאַרברענט.

ס׳האָט קיינער פֿאַר מיר ניט צעלייגט די עקדה,
איך און דאָס פֿייער — מיר ביידע.

און די בעטלער אַלע, די לאָמע, די קרומע,
זיי שטייען און שווייגן, זיי שטייען שוין שטומע.

זיי שטייען מיט אויגן, צעעפֿנט, צעצונדן,
מיט אָפֿענע מיילער, מיט אָפֿענע וואונדן.

און אויבן דער הימל, פֿון ווייטע אין־סופֿן,
עס סטראַשעט מיט נייע יסורים און שטראָפֿן.

און עס ציט זיך אָן עק, און עס ציט זיך אָן ענדע,
די מעשה פֿון סדום, די פֿייער־לעגענדע.

לעגענדע

דר. חיים זשיטלאָווסקין

ביסט געבאָרן געוואָרן צו זיין אַ געשטאַלט,
גוטע געשטאַלט פון לעגענדע:
— איבער אָרעמע הייזער גייט ער,
— וואַנדערער העלפט ער טראָגן די זעק,
— פאַרבלאָנדזשעטע פירט ער ארויף אַפן וועג.
— ליכטיקע אויגן!
— בענטשנדיקע הענט!

נאָר איך האָב דיך געזען ביים אַקער אין פעלד,
מיט ליימיקע פלעקן אַפן שטערן.
האָסט אויפגעגראָבן האַרטן גרונט,
האָסט געשפרייט און געזייט,
און מיט האַנט איבער אויגן געבליקט צו דער זון —
— ניט פאַרגיי!

ס׳האָט זיך ברייט נאָך געצויגן פאַרשלאָסענע ערד,
און ביים זייט האָט געאומערט פאַרמאַטערטער פערד.

ביסט געבאָרן געוואָרן צו זיין אַ געשטאַלט,
הייליקע געשטאַלט פון לעגענדע:
— ערשט געוועזן און — ניטאָ!

— גיסט פון פעסל זיך וויין,
באַווייזט זיך אין אויוון ניטדאָאיקער שיין,
— זע, ברויט אַזוי פריש,
אַפן ליידיקן טיש!
— ליכטיקער קאָפּ!
— שפּורן אַפן זאַמד.

נאָר איך האָב דיך געזען אין אַ טונקעלן וואַלד,
מיט אַ שטריק אַרום דיך, מיט אַ האַק אין דער האַנט,

איינער און נאָך, צווישן ווילדגראָז און מאָך,
האָסט געהאַקט און געזעגט,
און אַ פייער צעלייגט,
און אַ יונגער, אַ רויטער בורלאַק,
האָט פאַרצויגן אַ ניגון —
— עי אוכנעם!
דער אומעט פון פראַצע און וואָך,
דאָס ליד פון מענטשלעכן יאָך.

ביסט געבאָרן געוואָרן צו זיין אַ געשטאַלט,
וואונדער־געשטאַלט פון לעגענדע:
— אַ רבי גייט אום אין אַ בעטלעריש קלייד,
פאַרהוילן, פאַרשטעלט,
צו זוכן דאָס גוטס פון דער וועלט...
זייטיקער וועג,
פאַרבאָרגענע טעג.

נאָר איך האָב דיך געזען צווישן ברידער אין גאַס,
מיט אָפענעם פנים און אָפענעם האַרץ,
אַנטפּלעקטע געשטאַלט!
אַ פּלייצע צו פּלייצע, און האַנט צו אַ האַנט,
אַ וואָרט צו אַ וואָרט,
און אַלעמאָל — דאָ, און אַלעמאָל — דאָרט.
האָסט געשטאַרקט און געבויט,
האָסט געטראָגן אַ פאָן,
און געגאַנגען נאָך איר, —
און אין געזעמל פון ברידער, אין יאָכיקן גאַנג,
האָט זיך צעשפּרייט אַ געזאַנג —
געזאַנג פון אַ דור,
געזאַנג צו לעגענדע — פאַרוואַנדלט אין וואָר!

דאָס ליד פון די אייגענע שטאַמען

איך זינג איצט אַ ליד פון מיין טאַטן און מאַמען,
פון אלף, פון בית און פון גימל.
אַריבערן שטעטל — דער פאָרכטיקער הימל,
און דאָרט, וואו די זון איז צעברענט אַזוי צונטער,
דאָרט זענען אברהמס מלאכים אַרונטער...
זיי רואיק, מיין קינד, און ניט שרעק זיך, ניט ציטער,
דער מלאך דער גוטער, דיין אייביקער היטער, —
דער ניגון פון שטאַמען.

דורך פינצטערע גרענעצן, פינצטערע ימען,
אַ קינד שווימט אַוועק דורך צעריסענע יאָרן.
אַ שטערנדל האָט זיך אין וואָלקנס פאַרלאָרן.
געדענק איך: די פייערלעך וואַרפן סיגנאַלן,
דאָס ליכט פונם שוים אויף די נאַכטיקע וואַלן.
עס רייסן די ווינטן, עס טראָגן די אויגן,
— אַריבערן ים איז אַ פאַווע געפלויגן,
אין פלי פון די שטאַמען.

דורך בלוט און דורך פייער, דורך גליאיקע סמען —
עס וואַקלען זיך זיילן פון שמשון הגיבור,
צעשפאַלטענע גרונטן, איך שפרינג איבער גריבער,
דורך שטעט און דורך גאַסן, מיט פאַנען און לידער.
דערהער איך: עס שרייען געפייניקטע ברידער,
דאָס קול פון מיין בלוט, איך דערהער און דערקאָן אים,
אין גאַנג צו והיה באחרית הימים, —
איך קאַמף פאַר די שטאַמען.

מיט אַלעמען גוט, און מיט יעדן צוזאַמען,
מיט ברוינע, מיט שוואַרצע, מיט אַלערליי הויטן.
געבענטשט זיי, דו אדם, פאַרוויקלט אין טויטן,
איך זע דיך, אַ חיה מיט ציין צום פאַרצוקן,
נאָר אָט, און דו רייסט שוין די פעל פון דיין רוקן...
געדענק איך: דער טאַטע אין לערנונג און תפילה,
צו זוכן פאַרגעבונג, צו זוכן מחילה —
פאַר אַלערליי שטאַמען.

אַ ליד צו מיין אומה, צו טאַטן און מאַמען,
דער אָנשפּאַר אין טונקעלע שעהן.
אין הויכן ביינאַכטיקן הימל אין בלאָען,
אין שיין פון אונצאָליקע שטערן,
דאָרט גליט נאָך די ברכה פון פרוכפּערן־מערן,
און ס'ציט זיך צום האַרצן דורך פּיין און דורך יאָכן,
דער הייליקער, גרויסער און בלינדער בטחון —
דאָס ליד פון די אייגענע שטאַמען.

באַשייד

איך האָב אַ זאָג געטאָן — „ניו־יאָרק" — אין מיינע לידער.
האָבן קריטיקער און לעזער — טרייע, גוטע ברידער,
אָפּגעוואויגן און באַשיידן, און געמאַכט מיט קרייד אַ צייכן: —
— שווער איז פאַר פּעגאַזוס צו דעם וואָלקנקראַצער־שפּיץ דערגרייכן.
אַ ניו־יאָרקער, דאָאיק, גראָאיק, און אין בענקשאַפט איז אַ מאַנגל, —
ווי ער ליידט דאָס, נעבעך, פון דעם שטאָטישן געראַנגל.

איך האָב געהערט די גוטע רייד, און געקוקט אָף מיינע לידער,
און געטראַכט צו זיך: — ווערטער פאַלן אין דער נידער,
ווערטער רייסן זיך צו הויכן, — ס'איז ניט אונטן, ס'איז ניט אויבן,
און ס'איז נאַריש אַ פּאָעט, ווי יעדן, אפן וואָרט צו גלויבן.
איך האָב געזאָגט: ניו־יאָרק, קען זיין איך האָב געמיינט: פּומפּיאַן,
יאָ, אין ליטע איז אַ שטעטעלע אַזאַ פּאַראַן,
און פון זיידנס שטוב דער קוימען האָט דאָך אויך געקוקט צו הימלען,
און אַ ייִנגעלע אַ פרומער איז געלאָפן דורך די שימלען.
איך האָב געזאָגט: ניו־יאָרק, און געטראַכט גאָר פון מיין באָבען,
וואָס ניקאָלאַי אין טעג פון שלאַכטן האָט פון שטעטעלע פאַרטריבן,
ביז סיבירישער אירקוטסק און אין שניי באַגראָבן...
ניו־יאָרק, ניו־יאָרק! ביסט וואָרט, ביסט מער ווי וואָרט, ביסט גאַנג פון מאָסן,

איך הער דיין רויש, איך בין פֿאַרכאַפּט אין דיינע גאַסן, —
נאָר איך, אַ מענטש וואָס האָב ניט אַלץ נאָך אין מיין האַרץ פֿאַרבאָרגן,
נאָר איך אַ מענטש, וואָס האָב אַ נעכטן, און האָב אויך אַ מאָרגן,
קען זיין איך זאָל אין מיטן פֿון ניו־יאָרק אַ זינג טאָן: פֿאַרבאַנד פֿון ראַטן!
קען זיין איך זאָל זיך פֿלוצלונג גאָר פֿאַרבענקען נאָך מיין מאַמען־טאַטן.
קריטיקער און לעזער, איך וועל אייך ניט איינמאָל נאָך פֿאַראַטן...

דיין פנים איז יונג...

דיין פנים איז יונג, נאָר דיין האַנט איז אַלט,
אַליין און אָפּגעטיילט — אַן אָפּגעריסן אבר.
די אויגן קוקן אַזוי ריין און ליכטיק,
די אויגן ווייזן — דאָס האַרץ קלאַפּט ריכטיק,
נאָר האַנט ליגט עלנט, אָדערדיק און קאַלט, —
איך האָב אַמאָל געזען אַזאַ געשטאַלט,
נאָך איידער כ׳האָב געזען דעם ערשטן קבר.
מײַן זיידע איז געשטאַנען ביי אַ וואַנט,
און צוגעהאַלטן זיין שאָטן מיט דער האַנט.

דיין קאָפּ איז זילבער — געלייטערטער געדאַנק,
און אין די קנייטשן פון דיין שטערן — אַנטשלאָסענע באַגערן,
נאָר האָנט ליגט צוגעמאַכט, און הענגט דיר ביי דער זייט,
אַן אַרבל פון אַ קלייד, וואָס איז אַמאָל געווען זייד.
די נעגל לייכטן חלבדיק און צאַנק,
דאָס פנים און די האַנט — צעשיידטע שוין פון לאַנג.
אין אויג אַ ליכטיקייט, און אַף דער האַנט פאַרקילטע טרערן.
דער זיידע איז געווען אַ ייד תמים — געטרייסט זיך מיט „גם־זו״,
דער זיידע מײַנער ליגט לאַנג שוין אין זיין רו.

אין נאַכטיקן רויש פון די ראַסן

דעם ליכטיקן אָנדענק פון א. ליעסין.

ויעקב יושב אוהלים. —
בראשית, תולדות.

אין נאַכטיקן רויש פון די ראַסן,
בראָדוויייִשער שייטער!
עס גליִען געשטאַלטן, עס פלאַקערן ליכטער,
אַליין, אין המון, צווישן פרעמדע געזיכטער,
איך גיי, און מיר דוכט זיך: דער אָנהויב פון יאָרן!
עס איילן די פעלקער אַלץ ווייטער און ווייטער,
נאָר איך ווער ערשט איצטער געבאָרן, —

עס יאָגן די מחנות אַריבער דער וועלט,
נאָר איך בלייב אַליין אין געצעלט.

איך גיי, און איך וויג זיך אין גאַפן,
אין וואַנזין, און דרעמל, —
געדראַנג פון פּילגרימער, און מאַגיק פון שפּרוכן,
איך ווייס ניט, צי איז דאָס אַ בענטשן, אַ פלוכן,
מיראַזש פון די ווענט, פון די טורעמס, —
מיר דוכט זיך, איך זע גאָר אין מדבר אַ קעמל,
עס קריכן געשטאַלטן פון פורעמס, —

עס קריכן געשטאַלטן אַריבער דער וועלט,
נאָר איך בלייב אַליין אין געצעלט.

אַ גלי פון פּראָזשעקטאָר דורך נאַכטיקעווייטן,
מצרימשער שאָטן,
עס ציען זיך צונגען, עס רייסן זיך גלידער,
עס שפּאַלטן זיך ימען, און באַהעפטן זיך ווידער,
איך זע ווי עס בליען פאַרשיידענע הויטן, —
מיר דאַכט זיך: דורך וויסט און דורך זאַמדן געטראָטן,
עס שיילן זיך מענטשן אַזוי ווי פון שויטן,

עס בלאָנדזשען די מחנות אַריבער דער וועלט,
נאָר איך בלייב אַליין אין געצעלט.

וואָס ווערט אויף די ווענט דאָ מיט פייער געשריבן?
ווער בין איך אין נאַכטיקן הימל?
אַ ברי האָט געטאָן מיט אַמאָליקן אָטעם,
מיין ברודער אַוועק איז אויף יאָגד צו די שבטים,
איך גיי, און מיר דוכט זיך: דער רויש פון געפּעכטן,
די רויטקייט פון בלוט, און דאָס בלוי פון דעם הימל,
ביי איינזאַמער שוועל אין פאַרצייטיקן נעכטן.

עס יאָגן די מחנות אַריבער דער וועלט,
נאָר איך בלייב אַליין אין געצעלט.

אַלץ העכער און העכער, אין בונט פון דער שרפה,
צשעפּילטער, צעבלענדטער!
עס ציען זיך סדומישע שוועבל־געררוכן,
מיט דוכט זיך: ס׳איז יעדער אַנטלאָפן צו זוכן
אַ נאָרע, אַן אָרט, אין באַהאַלטענע ווינקלען, —

נאָר איך בין געבליבן, דער פלאַם קומט אַלץ נענטער,
די צונגען, זיי רינגלען אַרום מיך, און רינגלען —
עס זוכן די מחנות אַ שוץ אין דער וועלט,
נאָר איך בלייב אַליין אין געצעלט.

און אָט, דוכט זיך, ווערט אַלץ פאַרשלונגען,
פאַרצוקנדער שייטער!
ניטאָ מער ביי וועמען קיין רעטונג צו קויפן,
ניטאָ מער קיין אָרט וואו צו לויפן, אַנטלויפן,
פאַרשוואונדן די מחנות — ניטאָ מער קיין שונא,
איז שפרינג איך אין פייער: — אָ, ברען מיך און לייטער!
איז שפרינג איך, און שריי: אדוני אלהינו!

אַ פונק אין דער רויכיק־צעצונדענער וועלט,
אין אַש פון מיין איינזאַם געצעלט.

האַנט אַריבער אַלע ימען

צום יום־טוב פון דער יידישער שול אין פוילן.

מיר — ביי כוואַליעדיקע ברעגן,
זיי — ביי וואָרצלדיקע שטאַמען.
האָט די נויט אונדז אָפּגעריסן,
נויט ברענגט ווידער אונדז צוזאַמען.

וועבן זיך אַזוי און בינדן,
הער די רופיקע סיגנאַלן!
דזשיקע, נאַלעווקי, און סמאָטשע,
און איסט־סאַיידישע קוואַרטאַלן.

נעגער, סלאַוו, און איטאַליענער,
אין דעם גוס פון אַלע קלאַנגען, —
ווי די זון פון ווייטע תהומות,
איז די בענקשאַפט אויפגעגאַנגען.

אין די שעהן פון דערמאָנונג,
אין דער טיפעניש פון יאָרן,
איז אַ יינגעלע אַ קליינער
קיין אַמעריקע געפאָרן.

לאַנד און גרענעצן צעטיילן,
אָט איז שוועל און אָט איז טויער;
איבער שטרויכלונגען דער וואָלקן
שווימט מיט מאַמעדיקן טרויער.

דורך די וואָלקנס — זון־צעקרוינטע
איבער גרענעצדיקע פּאַסן:
— העי, וואו ביסטו, יידיש יינגל,
אין געמיש פון אַלע ראַסן?

אין די טעג פון רוף און בויען,
האָסט אַריבער אַלע ימען!
לענדער האָבן אונדז צעריסן,
לענדער ברענגען אונדז צוזאַמען.

ווילנע

דיין נאָמען, ווילנע, קומט צו מיר פון טיפעניש פון יאָרן,
ווען איך האָב, ווייט פון דיר, געטרוימט פון דיין געשטאַלט
איך ווייס ביסט אָרעם, איך ווייס ביסט אַלט,
דאָך ווי אַ מאַמע ברענגסטו מיר — ניט אונטערגאַנג, ניט אָרון,
נאָר טאָג פון מיין געבאָרן.

די שטאָט, די גאַסן פון מיין איצט, אין כוואַליעדיקן ברומען, —
אין מיטן קאָך, מיר דוכט, איך שאַר זיך ביי אַ צוים.
אַהיים אין ליטע, בית־עולם־בוים,
אַ הימלראַנד, וואָס האָט ווי אַ פרוכת זיך צענומען,
מיט יעדן גרוס וואָס איז צו אונדז פון דיר געקומען.

אַ שטעטל ביי אַ טראַקט, וואו ס׳בייטן זיך די שעהן,
אַן אורח גייט, — שלום! — עליכם־שלום!
פון וואַנען? אָ, וואונדערלעכער חלום!
דער זיידע גלעט די באָרד, די אויגן טוקן זיך, אין גרויען,
— דער אורח איז געווען, געזען דעם אוהל פונם גאון.

לעגענדעס, איינס און צוויי, אַ שיכט אַף שיכטן:
— דער ווילנער גאון מיט אַ זאַק אַף זיינע פּלייצעס,
— דער גאון פירט אַ פערד פאַרבלאָנדזשעטן ביי לייצעס,
— דער גאון אין אַ וואַלד, אַ פינצטערן־געדיכטן,
— דער גאון איז אַוועק אַף וועגן גלות אָפּצוריכטן.

אַ שטעטל ביי אַ טראַקט, וואו ס'הערט זיך קנאַל פון בייטשן.
עס קייקלען רעדער זיך אַוועק אַף שווערע אַקסן,
דער זיידע איז שוין טויט, די אייניקלעך — שוין אויסגעוואַקסן,
די באָבע קרעכצט וואָס יונגוואַרג גייט אַרום ווי גאַנצע דייטשן
די ווערטער אַלט־פּאַרוואָרצלטע, נאָר נייע טייטשן.

און ווידער איז אין שטעטעלע אַ נאָמען אויפגעגאַנגען:
געקומען מיט דער שניידיקייט פון בליץ.
— הירשל, הירשקע! — אין האַרצן גיט אַ קריץ,
— דערצייל, דערצייל! — אין ווילנע איז מען אין אַ מאַרש געגאַנגען,
אין ווילנע האָט מען לעקערטן געהאַנגען.

די טאַטעס סודען זיך, די קינדער הערן מיט די אויגן:
— די ווילנער יונגען גייען קעגן ניקאָלאַיען;
— די שניידער־שוסטער זאָגן אַז מען דאַרף די וועלט באַפרייען!
אַריבער שטעטלעך ליטווישע, אַריבער פּלויטן איינגעבויגן,
האָט זיך צעשפּרייט אַ רעגנבויגן.

עס רוישט דער ים געזאָלצענער, עס לויפן נייע יאָרן,
געשטאַלט האָט זיך געביטן אַף געשטאַלט.
איך ווייס ביסט אָרעם, איך ווייס ביסט אַלט,
דאָך ווי אַ מאַמע ברענגסטו מיר ניט אונטערגאַנג, ניט אָרון, —
נאָר טאָג פון מיין געבאָרן.

אינהאַלט

הונגער

פּרעלוד — 9
דאָס הויז אַף טשערי סטריט — 11
אין ניו יאָרקער טונעלן — 14
הונגער — 17
שטאַמען — 19
איך און מיין קינד און דער האַרבסט — 20
אין וועג — 22
אַ שטוב — 23
אָוונט — 25
דער באַרג — 27
וואַנדערער — 29
די באַלאַדע פון די דריי פּרויען ביים איסט ריווער — 31
וואָרט — 33
אין אָרימן פּאַרק — 35
נעפּל — 36
„סלאַמס" — 37
דאָס ליד פון די שטאַמען — 40
דאָס ליד פון אָרימאַן — 43

דער וואונדער פון די שטאַמען — 46
ליד פון מענטש — 49
צו מענטש, צו ברודער — 51
ליכטיקע טריט — 53

אַ ליד צו אַ כינעזערין אַף בראָדוויי

(פּאָעמע) — 57

ליבשאַפט

מאַמע־ערד — 67
דיין פּנים — 69
דיין שאָטן — 70
לבנה־שיין — 71
באַגינען — 73
ליבשאַפט — 75
פרילינג — 77
אין דערוואַרטונג — 78
צווישן בערג — 80
פעלד — 82
דער וואַלד שטייט פריי — 83
ווינטער אַין שטאָט — 84
ס'איז היינט אַ שניי — 85
אין מיטן טאָג — 87

הײנטיקע טעג

גערזאַנג פֿון די הײנטיקע טעג (פּאָעמע) — — — — — — — 93
אַ ליד צום המון — — — — — — — — — — — — — — — 99
לידער, מײַנע לידער — — — — — — — — — — — — — 100
די האַנט — — — — — — — — — — — — — — — — 103
שווערע טעג — — — — — — — — — — — — — — — 104
די באַלאַדע פֿון יאָר 1938 — — — — — — — — — — 105
אַ ליד צו סערגעי יעסענין — — — — — — — — — — 107
אַ ליד וועגן לעצטע — — — — — — — — — — — — 109
אונטערגאַנג — — — — — — — — — — — — — — — 111

פּאָעטן, מײַנע ברידער

(פּאָעמע) — — — — — — — — — — — — — — — — 115

פֿון פֿרעמדע קוואַלן

דער וועג — — — — — — — — — — — — — — — — 126
דער קאַטער — — — — — — — — — — — — — — — 128
מײַן געשטאַלט — — — — — — — — — — — — — — 129
ישראל — — — — — — — — — — — — — — — — — 130
דער בעטלער — — — — — — — — — — — — — — 131
בטחון — — — — — — — — — — — — — — — — — 133
דער שוואַן און די גאַנדז — — — — — — — — — — — 134
דאָס פֿאַרלאָרענע שיפֿל — — — — — — — — — — — 135

אַ מעשהלע

אַ שטאָל — — — — — — — — — — — — — — 141
אַ מעשהלע — — — — — — — — — — — — — — 143
די באַן — — — — — — — — — — — — — — — 145
די מעשה פון דעם דאָרף אור־הו — — — — — — — — — — 148
אַפּן שליטעלע — — — — — — — — — — — — — 150
אַבו הוסאַן — — — — — — — — — — — — — — 152
אין צירק — — — — — — — — — — — — — — — 159

לעגענדע

אַ מעשה וועגן דעם מלאך פון סדום — — — — — — — — — 165
לעגענדע — — — — — — — — — — — — — — — 169
דאָס ליד פון די שטאַמען — — — — — — — — — — — 172
באַשייד — — — — — — — — — — — — — — — 174
דיין פנים איז יונג — — — — — — — — — — — — — 176
אין נאַכטיקן רויש פון די ראָסן — — — — — — — — — 177
האַנט אַריבער אַלע ימען — — — — — — — — — — — 180
ווילנע — — — — — — — — — — — — — — — — 182